STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12260

# DER KOMUNISTISHER MANIFEST

Karl Marx

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

# דער
# קאָמוניסטישער מאַניפעסט

מיט פאָררעדעס פון קאַרל מאַרס און
פרידריך ענגעלס און אַ פאָר-
ווארט פון קאַרל קאַוטסקי.

---

איבערזעצט פון דער 8-טער נייסטער
אויטאָריזירטער דייטשער אויסגאַבע.

פארלאג „צוקונפט" ווארשא

№ 9 — 1919.

MARKS i ENGELS.

# Manifest Komunistyczny

* *

Wydawnictwo „Cukunft“

Warszawa, Leszno 27.

1919.

Drukarnia J. Wagmajster, Nalewki 7.

# פאָרוואָרט.

קרוב זעכציג יאָהר זענען אַריבער זינט עס איז אָנגעשריבען געוואָרען דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט, זעכציג יאָהר פון אַ פראָדוקציע־פאָרם, וואָס האָט, מעהר ווי אַלע פריהערדיגע, כסדר געבראָכען דאָס אַלטע, כסדר געיאָגט זיך פאָרויס און געזוכט דאָס נייע; זעכציג יאָהר פון אַ פולער פאָליטישער און סאָציאַלער רעוואָלוציאָניזירונג נישט בלויז אין גאַנץ אייראָפּאַ, נאָר אויפ'ן גאַנצען ערד־קוגעל.

דידאָזיגע זעקס צעהנדליג יאָהרען האָבען נישט געקאָנט אַריבערגעהן אָהן אַ השפעה אויך אויפ'ן קאָמוניסטישען מאַניפעסט. וואָס ריכטיגער דער מאַניפעסט האָט זיין צייט בעגריפען און וואָס מעהר ער איז צו יענער צייט געווען צוגעפּאַסט, — אַלץ מעהר האָט ער אין געוויסע פונקטען געמוזט פערעלטערט ווערען, אַלץ מעהר האָט ער געמוזט ווערען אַ היסטאָרישער דאָקומענט, וואָס שפּיגעלט־אָב זיין צייט, אָבער ער קאָן נישט מעהר גילטען אַלס יסוד פאַר דער געגענוואַרט.

דערביי מוז בעטאָנט ווערען, אַז דאָס איז נוגע נור עטליכע פונקטען, — יענע, וואו דער פּראַקטישער פּאָליטיקער רעדט צו די חברים פון זיין צייט. עס קאָן נישט זיין קיין גרעסערער טעות, ווי צו ערקלערען דעם גאַנצען קאָמוניסטישען מאַניפעסט פאַר אַ היסטאָרישען דאָקומענט. פערקעהרט: די יסודות, וואָס ער ענטוויקעלט, די מעטאָדע, צו וועלכער ער פיהרט אונז צו, די כאַראַקטעריסטיק פון די היינטיגע פראָדוקציע־פאָרמען, וואָס ער גיט אונז אין עטליכע שטריכען, גילטען היינט

נאָך מעהר, ווי ביזהער. די פּראַקטישע ענטוויקלונג, פּונקט ווי די גאַנצע טעאָרעטישע פאָרשונג פון דער צייט, זינט דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט איז אָנגעשריבען געוואָרען, זענען נישט מעהר ווי איין לאַנגע רייהע פון בעווייזען פאַר זיין פונדאַמענטאַלער אויפפאַסונג. מעהר ווי ביזהער ווערט איצט פון אַלע אָנערקענט דער געדאַנק, אז די געשיכטע פון אַלע ביזהעריגע (ציוויליזירטע) געזעלשאַפטען איז די געשיכטע פון קלאַסען־קאַמפען, און קיינמאָל איז נאָך נישט געווען אַזוי קלאָר, ווי היינט, אַז די גרויסע טרייב־קראַפט פון אונזער צייט איז דער קלאַסען־קאַמף צווישען דער בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט.

סיי דער פּראָלעטאַריער, סיי דער בורזשואַ זענען שוין אָבער היינט נישט די אייגענע, ווי זיי זענען געווען מיט זעקס צעהנדליג יאָהר צוריק. וויפיעל דער מאַניפעסט זאָל זיי נישט האָבען שאַרף און ריכטיג געצייכענט, און וויפיעל די צייכנונג זאָל נאָך היינט אויך נישט זיין די גלענצענדסטע און דורכדרינגליכסטע פאָרשטעלונג פון די ביידע קלאַסען אין אַזעלכע ענגע ראַהמען,— אין איינצעלנע פונקטען איז דאָס בילד פאָרט שוין געענדערט.

אין דער צייט, ווען דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט איז פערעפענטליכט געוואָרען, איז נאָך די בולט'סטע כאַראַקטעריסטיק פון'ם פּראָלעטאַריער געווען: זיין דעגראַדאַציע, דאָס פאַלען פון זיין לוין, די פערלענגערונג פון זיין אַרבייטס־צייט, זיין פיזישער, אָפּט אויך מאָראַלישער און אינטעלעקטועלער אונטערגאַנג, קירץ— זיין עלענד. פון די דריי גרויסע קלאַסען, וואָס האָבען פאַרגעשטעלט מיט זיך די מאַסע פון פאָלק: פויערן, קליינבירגער און לוין־אַרבייטער, זענען די לעצטע אין יעדער הינזיכט געשטאַנען אַמנידריגסטען. אָרים, געדריקט, הילפלאָז, אָבגעשטאַנען פון ביידע איבעריגע קלאַסען אין צאָהל און עקאָנאָמישער בעדייטונג (אויסער אין ענגלאַנד), זענען זיי פאַר דעם מעהרסטען טייל נישט־פעראינטערעסירטע בעאָבאַכטער געווען בלויז אַן'אָביעקט פון רחמנות. מען האָט געדאַרפט האָבען דעם גאַנצען סכום עקאָנאָמישע און היסטאָרישע קענטעניסען און די גאַנצע דענקער־קראַפט פון אַ מאַרקס מיט אַן'ענגעלס, כדי צו ענטדעקען דעמאָלט אינ'ם קלאַסען־קאַמף

פון פראָלעטאַריאַט די שטאַרקסטע טרייב-קראַפט פאַר דער סאָציאַלער ענטוויקלונג פון די קומענדיגע צעהנדליגער יאָהרען, — דעמאָלט, ווען די נאָכפאָלגער פון די גרויסע אוטאָפּיסטען האָבען נאָך געקוקט אויפ'ן פּראָלעטאַריאַט, ווי אויף אַ הילפלאָזער מאַסע, וואָס נור די העכערע קלאַסען קאָנען איהר העלפען, און די רעוואָלוציאָנערען האָבען אַלע גליקען ערוואַרט פון „פאָלק", דאָס הייסט אייגענטליך פון די קליינבירגער און די פויערן, פאַר וועלכע די לוין-אַרביי-טער זענען געווען נישט מעהר ווי אַ נאָכשלעפּעניש, וואָס איז גייסטיג, געזעלשאַפטליך, אָפט אויך עקאָנאָמיש געווען אָבהענ-גיג פון זיי.

גאַנץ אַנדערש זעהט-אויס דער פּראָלעטאַריאַט היינט. אמת, ער איז איצט אויך אונטערגעוואָרפען די דריקענדיגע ווירקונגען פון קאַפּיטאַל אַזוי ווי מיט זעכציג יאָהר צוריק; אמת, דער קאַפּיטאַל שטרעבט נאָך היינט אויך אַראָבצודריקען דעם לוין, צו פערלענגערן דעם אַרבייטס-טאָג, אַרויסצושטופּען דעם לעבעדיגען אַרבייטער דורך דער מאַשין, דעם אַרבייטער-מאַן דורך ווייב און קינד — און דעם פּראָלעטאַריאַט אויף אַזאַ אופן צו דעגראַדירען.

עס וואַקסט אָבער אַלץ שטאַרקער „אויך די אויפגעבראַכטקייט פונ'ם אַרבייטער-קלאַס, וואָס פערגרעסערט זיך כסדר און ווערט דורך דעם מעכאַניזם גופא פונ'ם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציע-פּראָצעס בעוואוסטזיניג, פעראייניגט און אָרגאַניזירט" (מאַרקס אין „קאַפּיטאַל"). עס ווערט כסדר שטאַרקער דער ווידערשטאַנד פון פּראָלעטאַריאַט, איין שיכט נאָך דעם אַנדערען בעפרייט זיך פון די דעגראַדירענדיגע ווירקונגען פונ'ם קאַפּיטאַליזם און פערשטעהט זיי בייצוקומען.

אַנדערש איז די לאַגע פון קליינבירגערטום און קליינפויער-טום. בעת די וואַקסענדיגע מאַסען פון פּראָלעטאַריאַט האָבען אין משך פון צעהנדליגער יאָהרען כסדר פערקירצט זייער אַרבייטס-צייט און זיך אויסגעקעמפט אַ העכערען לוין, איז די אַרבייטס-צייט פון די האַנדווערקער און קליינפויערן געבליבען די אייגענע (אָנגע-צויגען ביז די גרענעצען פון דער פיזישער מעגליכקייט), נישט-קוקענדיג אויף דעם, וואָס די אינטענסיוויטעט פון זייער אַרבייט

ווערט סיסטעמאַטיש גרעסער. און דערביי ווערט דאָס לעבען פון די האַנדווערקער, קליינהענדלער און קליינפויערן אַלץ נעהענטער צום מינימום פון עקזיסטענץ-מעגליכקייט. דאָ איז פאָרגעקומען אויך דאָס, אַז בעת אין דער גרויס-אינדוסטריע האָט דער אַרבייטער-קלאַס פערשטאַנען אויסצוקעמפען וואָס מעהר בעגרענצונגען פאַר דער אַרבייט פון פרויען און קינדער און וואָס מעהר שוץ געגען אָט דער אַרבייט, מוזען די האַנדווערקער און קליינפויערן וואָס ווייטער אַלץ מעהר און אַלץ ברייטער אויסנוצען די קראַפט פון זייערע אייגענע ווי פון פרעמדע פרויען און קינדער.

האַנד אין האַנד מיט דער עקאָנאָמישער ענדערונג איז געגאַנגען די אינטעלעקטועלע און פּאָליטישע. מיט הונדערט יאָהר צוריק איז דער קליינבירגער נאָך געשטאַנען העכער פון אַלע איבעריגע קלאַסען פון דער אייגענטליכער פאָלקס-מאַסע אין אינ-טעליגענץ, זעלבסטזיכערקייט און דרייסטקייט. היינט איז ער געוואָרען דער פּראָטאָטיפּ פון בעגרענעצטקייט, קנעכטשאַפט און פחדנות, בעת דער פּראָלעטאַריאַט האָט יענע מעלות ענטוויקעלט אין זיך מיט דער שטאַרקסטער קראַפט. מיט הונדערט, זאָגאַר מיט פופציג יאָהר צוריק איז דאָס קליינבירגערטום נאָך געווען דער קערן פון דער דעמאָקראַטישער אָפּאָזיציע פונ׳ם בירגערליכען ראַדיקאַליזם, וואָס האָט ערקלערט קריעג די פּאַלאַצען, טראָהנען און רעליגיעזע מזבחות און שלום-געשלאָסען מיט די אָרימע הייזלעך. היינט איז דער קליינבירגער געוואָרען די שטיצע פון דער רעאַקציע, די גוואַרדיע פון דיזעלביגע פּאַלאַצען, מזבחות און טראָהנען, ווייל ער האָפט, אַז זיי וועלען איהם ראַטעווען פון דער שווערער לאַגע, צו וועלכער די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג האָט איהם צוגעפיהרט.

דאָס אייגענע איז געווען אויך מיט די פויערן.

אין דער פאָלקס-מאַסע פון די קאַפּיטאַליסטיש ענטוויקעלטע לענדער (ד. ה. אַלזאָ אויסער רוסלאַנד) איז פאַרהאַן נור נאָך איין קלאַס, וואָס שטעלט-זיך-איין מיט אַלע כוחות פאַר׳ן סאָציאַלען פּראָגרעס — דער פּראָלעטאַריאַט.

צום גליק פאַר דער געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג איז צוזאַמען מיט די אַלע פערענדערונגען פאָרגעקומען אויך אַ פולשטענ-

דיגע איבערגרופּירונג אין דער פּערהעלטעניש פון די כּוחות. אין דער צייט, ווען דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט איז אָנגעשריבען געוואָרען, האָט נאָך די גרויסע מעהרהייט פון דער בעפעלקערונג (אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד פון 70 ביז 80 פּראָצענט) געלעבט אויפ׳ן לאַנד, בעת אין די שטעדט איז די מעהרהייט געווען אַ קליינבירגערליכע. היינט איז אין אַלע אינדוסטריעל ענטוויקעלטע לענדער פון אייראָפּאַ די מעהרהייט פון דער בעפעלקערונג קאָנצענטרירט אין די שטעדט, וואו דער גרעסטער טייל געהערט צום פּראָלעטאַריאַט.

דער אַרבייטער-קלאַס איז זיך פונאַנדערגעוואַקסען אין דער צאָהל פון דער בעפעלקערונג. נאָכמעהר אָבער איז אויסגעוואַקסען זיין עקאָנאָמישע בעדייטונג. מיט הונדערט יאָהר צוריק האָט נאָך די קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריע זיך פערנומען הויפּטזעכליך מיט לוקסוס-אַרטיקלען: זי האָט אויפ׳ן אייראָפּעאישען קאָנטינענט פאַבריצירט זייד-סחורות, דיוואַנעס, פּאָרצעלײַ, פּאַפּיער א. א. וו. נאָך מיט זעכציג יאָהר צוריק האָט זיך דאָס עקאָנאָמישע לעבען געשטיצט הויפּטזעכליך אויף דער האַנדווערקעריי און אויף דער פּויערישער ווירטשאַפט.

היינט איז די עקאָנאָמישע בעדייטונג און דאָס עשירות פון אַ לאַנד קודם-כל אָבהענגיג פון זיין קאַפּיטאַליסטישער גרויס-אינדוסטריע, וואָס פערנעהמט זיך שוין נישט מעהר מיט לוקסוס, נאָר פּראָדוצירט מאַסען-אַרטיקלען פון ערשטען געברויך. אַ מאָדערנע מלוכה קאָן עקזיסטירען אָהן פּויערן און אָהן האַנדווערקער — דאָס ווייזט ענגלאַנד. זי קאָן אָבער נישט עקזיסטירען אָהן אַ גרויס-אינדוסטריע און אָהן די דערצו געהעריגע פערקעהר-מיטלען.

און אָט מיט דער גרויס-אינדוסטריע און די מיטלען פאַר אַ מאַסען-טראַנספּאָרט וואַקסט אויך — דער פּראָלעטאַריאַט. שוין לויט דער צאָהל אַליין ווערען די אַרבייטער דער שטאַרקסטער קלאַס פון פאָלק. אין דער אינדוסטריע פון דייטשלאַנד זענען שוין אינ׳ם יאָהר 1895 דריי פיערטעל פון די בעשעפטיגטע געווען לוין-אַרבייטער, ד. ה. 75 פּראָצענט, בעת אינ׳ם יאָהר 1882 זענען זיי געווען נור 66 פּראָצענט, צוויי דריטעל.

פון זיי איז היינט אָבהענגיג דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע לעבען

פון לאַנד; אין זייערע רייהען גופא וואַקסט אָבער, ווי מיר האָבען שוין געזעהן, די צאָהל פון יענע, וואָס זייערע לעבענס- און אַר- בייטס-בעדינגונגען זענען העכער פון די בעדינגונגען פון די קליינע האַנדווערקער, הענדלער און פויערן.

מעהרערע שיכטען פון די אַרבייטער, וואָס פערמאָגען גאָר- נישט (לוין-אַרבייטער), לעבען היינט פיעל בעסער איידער יענע אַרבייטער, וואָס פערמאָגען אייגענע פראָדוקציע-מיטלען (האַנדווער- קער). עס לאָזט זיך שוין דעריבער נישט זאָגען היינט מיט'ן קאָמוניסטישען מאַניפעסט: „דער אַרבייטער ווערט אַ בעטלער, ער זינקט אַלץ טיעפער אונטער די בעדינגונגען פון זיין אַיי- גענעם קלאַס".

דער פראָלעטאַריאַט זעהט היינט אויס גאַנץ אַנדערש, ווי מיט זעכציג יאָהר צוריק. מ'דאַרף אָבער האָבען אַ משונה'דיגע פאַרשטע- לונג פון דער לאַגע, אום צו גלויבען, אַז די בעציהונג פון פראָלעטאַריאַט צום קאַפּיטאַל איז צוליעב דעם ווייכער געוואָרען. פּונקט פערקעהרט. דער פראָלעטאַריאַט בכלל בעזיצט היינט, אמת, מעהר קולטור-גיטער, ווי אין די פערגאַנגענע יאָהרהונדערטער, אַפילו מעהר ווי אין די פערגאַנגענע צעהנדליגער יאָהרען. דאָס אונגעהויערע אויסוואַקסען פון די פּראָדוקציע-קרעפטען, וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט ענטוויקעלט, איז פאַר'ן פראָלעטאַריאַט נישט אַריבער אָהן אַ ווירקונג. מ'קאָן אויך רעדען וועגען דעם, אַז די לאַגע פון מעהרערע פראָלעטאַרישע שיכטען האָט זיך אַ סך פערבע- סערט אין פערגלייך מיט דער לאַגע פון **קליינבירגערטום** און **קליינפויערטום**; די לאַגע פון פראָלעטאַריאַט ווערט אָבער שאַרף און גיך פערערגערט, ווען מ'פערגלייכט זי מיט דער לאַגע פון זיינע עקספּלואַטאָרען, פון די **קאַפּיטאַליסטען**. אונטער דער הערשאַפט פון קאַפּיטאַל איז די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט גוואַלטיג געשטיגען. עס איז אויך קאָלאָסאַל אויסגע- וואַקסען דאָס געזעלשאַפטליכע עשירות; דער פראָלעטאַריאַט האָט אָבער דערפון נור אַ קליינינקייט לגבי די אוצרות, וואָס דער קאַפּי- טאַליסטישער קלאַס האָט זיך אָנגעזאַמעלט. אין פערגלייך מיט'ן לעבען פון די קאַפּיטאַליסטען און מיט דער אַקומולאַציע פון

קאַפּיטאַל ווערט די לאַגע פון פּראָלעטאַריאַט סיסטעמאַטיש פערער־גערט: זיין אָנטייל אין די פּראָדוקטען, וואָס ער האָט אויסגעאַרבייט, ווערט קלענער און די עקספּלואַטאַציע פון זיין אַרבייט וואַקסט כּסדר. דערביי האָבען די אַרבייטער יעדע אויסבעסערונג אין זייער לאַגע געקאָנט דערגרייכען ערשט נאָך אַ קאַמף מיט'ן קאַפּיטאַל און נור אַדאַנק דעם סיסטעמאַטישען קאַמף קאָנען זיי די אויסבעסע־רונגען דערהאַלטען. אַזוי־ערנאָך קומט־אויס, אַז נישט בלויז זייער דעגראַדאַציע, נאָר אויך זייער אויפהויבען־זיך, נישט בלויז זייערע מפּלות, נאָר אויך זייערע נצחונות טראָגען אין זיך אַ סיסטעמאַטישע וואַקסענדיגע פערביטערונג געגען דעם פיינדליכען קלאַס. עס ענ־דערן זיך די פאָרמען פון קאַמף און ווערען אַלץ העכער, אָנשטאָט איינצעלנע אַקטען פון ווילדער פערצווייפלונג ווערט איצט געקעמפט מיט פּלאַנמעסיגע אַקציעס פון גרויסע אָרגאַניזאַציעס — דער אַנטאַ־גאָניזם בלייבט און ווערט נאָך אַלץ שאַרפער.

פּונקט אַזוי ווי דער פּראָלעטאַריאַט, האָט זיך אָבער אין די לעצטע זעכציג יאָהר געענדערט אויך די אינדוסטריעלע בורזשואַ־זיע. ווען דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט איז ענטשטאַנען, האָט די בורזשואַזיע געהאַט גראָד ערשט בעזייטיגט די לעצטע שטערונג פאַר איהר הערשאַפט אין ענגלאַנד — דעם אָבצאָהל פון אַריינגע־פיהרטען קאָרן. זי איז דעמאָלט נאָך געשטאַנען אויפ'ן איירעפּעאי־שען קאָנטינענט פאַר דער נויטווענדיגקייט פון אַ רעוואָלוציע, כּדי צו בעקומען פאַר איהרע צוועקען אויך די פּאָליטישע מאַכט.

זי איז אויך געווען פיינדליך געשטימט צו יענע קרעפטען, וואָס האָבען אָפּען געדריקט די גרויסע פּאָלקס־מאַסען, צו דער קירך, צום אַדעל, צו דער מאָנאַרכיע, צו די גרויסע פינאַנסיסטען, — זי האָט נאָך געהאַט גרויסע פּאָליטישע ציעלען, אידעאַלען, וואָס האָבען אַפילו אַרום איהר פערשפּרייט אַ מין עטישען אידעאַליזם. זי האָט נאָך געגלויבט, אַז נור די איבערבלייבענישען פון פעאָדאַליזם שטעהען אין וועג דעם אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד, און וויבאַלד נור אָט די איבערבלייבענישען וועלען אָבגערוימט ווערען, וועט זיך אָנהויבען אַ נייע ערא פון אַלגעמיינעם גליק.

די רעוואָלוציע פונ'ם יאָהר 1848 האָט דאַן געבראַכט די ענט־

װישונג און אױפגעדעקט דעם מאָדערנעם קלאַסען-אַנטאַגאָניזם. די עקאָנאָמישע ענטװיקלונג האָט, װי מיר האָבען אױבען געזעהן, דעם אַנטאַגאָניזם נאָך מעהר פֿערטיעפט און אַזױערנאָך װאָס װײ־טער אַלץ מעהר געשטופּט די אינדוסטריעלע בורזשואַזיע מיט איהרע נאָכגעהער פֿונ'ם לאַגער פֿון דער דעמאָקראַטיע אינ'ם לאַגער פֿון דער רעאַקציע. קײן אַלײנהערשערין האָט זי אין-ערגעץ אין אײראָפּאַ נישט געקאָנט װערען. פֿריהער האָט זי געזוכט צו בעקומען די הערשאַפֿט מיט דער הילף פֿון קלײנבירגערטום און פּראָלעטאַ־ריאַט; איצט האָט זי זײ גופא געװאָלט בײקומען מיט יענע אײגענע קרעפֿטען, געגען װעלכע זי האָט גערופֿען צוהילף די דעמאָקראַטיע.

דערצו איז נאָך צוגעקומען דאָס, װאָס די אינדוסטריע איז דורך דער אַקציען-פֿאָרם אַלץ מעהר אונטערגעװאָרפֿען געװאָרען די גרױסע פֿינאַנסיסטען, װעלכע זענען אַלעמאָל געװען אַנטידעמאָ־קראַטיש און האָבען געשטיצט דעם אַבסאָלוטיזם.

אין קאָמוניסטישען מאַניפעסט קאָן מען נאָך לײענען:

> אין דײטשלאַנד קעמפּט די קאָמוניסטישע פּאַרטײ, װי נור די בורזשואַזיע טרעט-אַרױס רעװאָלוציאָנער, צוזאַמען מיט דער בורזשואַזיע געגען דער אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע, דעם פעאָדאַלען גרונד-אײגענטום און דער קלײנבירגערײ.

הײנט קאָן מען שױן מעהר אין-ערגעץ נישט רעדען װעגען אַ רעװאָלוציאָנערער בורזשואַזיע, סײדען אפשר אין רוסלאַנד.

נישט בלױז די בורזשואַזיע און דער פּראָלעטאַריאַט זענען הײנט אין אײניגע בעציהונגען אַנדערש פֿאָרמירט, װי זײ זענען געװען אין דער צײט פֿון קאָמוניסטישען מאַניפעסט — אױך דער גאַנג און די ענטװיקלונג פֿון די געשעהענישען זענען געװען נישט אינגאַנצען אַזױ, װי דער מאַניפעסט האָט זײ ערװאַרט. אמת, די פונדאַמענטאַלע עקאָנאָמישע ענטװיקלונג האָט זיך אינגאַנצען בעװאױ־גען אין דער ליניע, װאָס איז אין מאַניפעסט אַזױ שאַרף אָנגעצײכענט געװאָרען. װאָס עס װערט דאָרט גערעדט װעגען דעם, קאָן נאָך הײנט אױך גילטען פֿאַר אַ מוסטער. אָבער די פּאָליטישע ענטװיקלונג איז געגאַנגען אין אַנ'אַנדער ריכטונג, — אַנדערש, װי מ'האָט זי געקאָנט דעמאָלט פֿאָרױסזעהן.

מאַרקס און ענגעלס האָבען גוט געװאוסט, אַז דער

אַרבייטער-קלאַס אין זיין דעמאָלטיגען מצב, בעזונדערס אין דייטש-לאַנד, איז נאָך נישט פעהיג געווען צו פערכאַפּען די פּאָליטישע מאַכט און זי צו דערהאַלטען. זיי האָבען אָבער ערוואַרט, אַז די נאָהענטע בירגערליכע רעוואָלוציע, וואָס זיי האָבען קודם-כל פּאָרויסגעזעהן פאַר דייטשלאַנד, וועט געהן מיט׳ן אייגענעם וועג, וואָס די ענגלישע אין זיעבצעהנטען און די פראַנצויזישע אין אַכטצעהנטען יאָהרהונדערט. תּחילת וועט עס זיין אַנ׳אויפשטאַנד פון דער רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע געגען אַבסאָלוטיזם און פעאָדאַליזם, אָבער מיט-דער-צייט וועלען די פּראָלעטאַרישע עלעמענטען אַלץ מעהר בעגרייפען און ענטוויקלען דעם געגענזאַץ צווישען זיי און דער בורזשואַזיע, די רעוואָלוציע וועט אַלץ מעהר פערשטאַרקען די השפּעה פון פּראָלעטאַריאַט און דערמיט גופא איהם קרעפטיגען און רייפער מאַכען מיט אַ גיכען טעמפּאָ. וואָרום אין אַ רעוואָלוציע קומט-פאָר די ענטוויקלונג אַ סך שנעלער; געוויסע קלאַסען קאָנען דאָ אין פינף יאָהר דורכמאַכען דאָס, וואָס געווענ-ליך דאַרף עס דויערן אַ גאַנץ יאָהרהונדערט. אַזויערנאָך וועט גלייך נאָך דער בירגערליכער רעוואָלוציע געהן די פּראָלעטאַרישע און די ערָאָבערונג פון דער פּאָליטישער מאַכט דורכ׳ן פּראָלעטאַ-ריאַט, נישט אַלס רעזולטאַט פון איין אויפשטאַנד, נאָר פון יאָהרען-לאַנגע, אפשר אויך צעהנדליגער-יאָהרען-לאַנגע רעוואָלוציאָנערע קאַמפּען.

דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט זאָגט וועגען דעם:

אויף דייטשלאַנד ווענדען די קאָמוניסטען זייער הויפּט-אויפמערקזאַמקייט, ווייל דייטשלאַנד שטעהט ערב אַ בירגערליכער רעוואָלוציע און ווייל עס וועט דורכפיהרען די איבערקעהרעניש אונטער מעהר פאָרטגעשריטענע בעדינגונגען פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע בכלל און מיט אַ פיעל מעהר ענטוויי-קעלטען פּראָלעטאַריאַט, איידער דאָס איז געווען אין ענגלאַנד אין 17-טען און אין פראַנקרייך אין 18-טען יאָהרהונדערט. די דייטשע בירגערלי-כע רעוואָלוציע קאָן דעריבער זיין נור דאָס אונמיטעל-באַרע פאָרשפּיעל פאַר דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

דידאָזיגע ערוואַרטונג איז נישט מקוים געוואָרען, און ווי מיר אַלע ווייסען היינט, איז זי דערפאַר נישט מקוים געוואָרען, ווייל די איבערקעהרעניש פונ׳ם יאָהר 1848 איז פאָרגעקומען „אונטער

מעהר פאָרטגעשריטענע בעדינגונגען פון דער אייראָפּעאישער ציווי־ליזאַציע״, ווי אין די רעוואָלוציעס פון 1640 און 1789.

אויב די פּראָלעטאַרישע און האַלב־פּראָלעטאַרישע קליינ־בירגערליכע עלעמענטען זענען אין משך פון דער ענגלישער און פראַנצויזישער רעוואָלוציע אַלץ מעהר אַרויסגעשטופּט געוואָרען פאָרויס און זיי האָבען צייטווייליג אויך פערכאַפּט די פּאָליטישע מאַכט, איז עס געשעהן נור אַדאנק דער מלחמה,—די מלחמה אויף לעבען און טויט, וואָס די רעוואָלוציע האָט געמוזט פיהרען און אין וועלכער זי האָט זיך געקאָנט דערהאַלטען נור דורך יענער הפקרות געגען דאָס אייגענע לעבען און געגען דאָס פערמעגען פון די רייכע, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש ספּעציעל פאַר׳ן פּראָלעטאַריאַט.

דאָס איז געווען אין ענגלאַנד די יאָהרען־לאַנגע מלחמה פון פּאַרלאמענט געגען דער אַריסטאָקראַטישער אַרמעע פון קאַרל I, דאָס איז געווען אין פראַנקרייך די אויך יאָהרען־לאַנגע מלחמה געגען דער פערבונדעטער מאָנאַרכישער אייראָפּאַ.

די רעוואָלוציע פונ׳ם יאָהר 1848 האָט קיין קריעג נישט אַרויס־גערופען. די רעגירונגען זענען געפאַלען נישט נאָך לאַנגדויערנדיגע בירגער־מלחמות — די באַריקאַדען־קאַמפען פון איין טאָג זענען גענוג געווען, זיי איינצוברעכען אין פאַריז, וויען און בערלין. און די רעוואָלוציע האָט זיך פערשפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּאַ; זי האָט נישט געפונען קיין שום אויסערליכע מאַכט, וואָס זאָל זי אַרויסרופען צו אַ מלחמה. דאָס אַבסאָלוטיסטישע רוסלאַנד איז געווען שטיל, ווי אַ מייזעל.

די פעאָדאַל־אַבסאָלוטיסטישע געגנער פון דער רעוואָלוציע אינ׳ם יאָהר 1848 זענען געווען אַ סך שוואַכער, ווי אין אַכטצעהנטען און זיעבצעהנטען יאָהרהונדערט; דער פּראָלעטאַריאַט דאַגעגען איז אָבער געווען אַ סך שטאַרקער. אין די פעברואַר־טעג אין פאַריז האָט ער גלייך זיך ערוואָרבען אַ דאָמינירענדיגע שטעלונג. אָנשטאָט אַ קאַמף אויף לעבען און טויט געגען דער מאָנאַרכיע און דער אַריסטאָקראַטיע, אין וועלכען מ׳האָט, ווילענדיג אָדער נישט־ווילענ־דיג, געמוזט אָנקומען צום פּראָלעטאַריאַט, איהם בעוואָפענען און ממילא שוין אויך זיך רעכענען מיט זיין איינפלוס, — איז די

בורזשואַזיע דאַסמאָל גלייך געשטויסען געוואָרען צו אַ קאַמף אויף לעבען און טויט געגען דעם פּראָלעטאַריאַט גופא: זי האָט געגען איהם גערופען צוהילף די נור־וואָס אַראָבגעוואָרפענע מלוכה־מאַכט מיט איהר אַרמעע, כדי זיך וויעדער אונטערצוואַרפען זייער יאָך.

די יוני־שלאַכט איז געווען די קאַטאַסטראָפע פון דער רעוואָלוציע פון 1848. די שלאַכט האָט געעפענט אַ נייע היסטאָרישע עפּאָכע. מיט איהר הערט די בורזשואַזיע אינגאַנצען אויף צו זיין אַ פּאָליטישער רעוואָלוציאָנערער קלאַס; זי שליסט־אָב די ערא פון די בירגערליכע רעוואָלוציעס — לפּחות אין מערב־אייראָפּאַ; אויף־וויפיעל דאָס אַלץ איז גילטיג פאַר רוסלאַנד, וואו די פויערן און די אינטעליגענץ שפּיעלען אַ גאַנץ אַנדערע ראָליע, ווי אין מערב־אייראָפּאַ, דאָס וויל איך דאָ איצט נישט בעריהרען. פון יוני 1848 אָן איז אין מערב־אייראָפּאַ נישט מעגליך קיין בירגערליכע רעוואָלוציע, וואָס זאָל זיין אַ הקדמה צו אַ פּראָלעטאַרישער — די נאָהענטסטע רעוואָלוציע קאָן דאָ זיין נור אַ פּראָלעטאַרישע.

און אַפילו אין רוסלאַנד קאָן די איניציאַטיווע צו אַ רעוואָלוציע אַרויסגעהן נור פונ'ם אינדוסטריעלען פּראָלעטאַריאַט, הגם די רעוואָלוציע וועט נאָך נישט פיהרען צו זיין אַליינהערשאַפט.

דערמיט איז אָבער אויך די ראָליע פון דער אַרבייטער־בעוועגונג געוואָרען לחלוטין אַנ'אַנדערע אין פערגלייך מיט דער, ווי זי איז געווען בעת דער ענטשטעהונג פון קאָמוניסטישען מאַניפעסט.

די שטאַרקונג פונ'ם אַרבייטער־קלאַס, זיין אויפהויבען־זיך ביז אַזאַ לאַגע, אַז ער זאָל אימשטאַנד זיין צו פערכאַפּען די פּאָליטישע מאַכט און זי צו דערהאַלטען, — דאָס קאָן מען שוין נישט ערוואַרטען פון אַ בירגערליכער רעוואָלוציע, וואָס זאָל איבערגעהן אין אַ פּערמאַנענטען צושטאַנד, זאָל זיך אַליין איבערוואַקסען און פון זיך ערשט ענטוויקלען אַ פּראָלעטאַרישען אויפשטאַנד. די רייפקייט און די שטאַרקונג מוז געשעהן **אויסערהאַלב** דער רעוואָלוציע און **פאַר** איהר; דער פּראָלעטאַריאַט מוז די בעשטימטע הויכקייט דערגרייכען נאָך איידער די רעוואָלוציע איז בכלל מעגליך. ער מוז עס דערגרייכען נישט דורך דער מעטאָדע פון אַ מלחמה, נאָר דורך פריעדליכע מעטאָדעס — אויב מ'קאָן זיך אַזוי פּאַראַדאָקסאַל

אויסדריקען, אַז ס'איז פאַרהאַן אַן'אונטערשיעד צווישען די קריעגע-רישע און פריעדליכע מעטאָדעס פון קלאַסען-קאַמף. אַרבייטער-שוץ, פראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, אַלגעמיין וואַהל-רעכט — דאָס אַלץ האָט פון די פופציגער יאָהרען אָן בעקומען אַ בעדייטונג, וואָס איז גאַנץ אַנדערש פון דער, וועלכע זיי האָבען געהאַט ביז יוני 1848.

היינט ליעגט קלאָר פאַר די אויגען דאָס, וואָס מיט זעכציג יאָהר צוריק איז עס נאָך געווען פערבאָרגען און פערשלייערט; אַדאַנק דעם קומען איצט די קורצזיכטיגע פליעגען, וואָס גריבלען זיך דוקא אין די קרעצלעך, און רעדען-זיך-איין, אַז זיי זעהען אַ סך ווייטער און שאַרפער, ווי עס האָבען געזעהן די מייסטער פון קאָמוניסטישען מאַניפעסט. אַזאַ איינער קוקט אַפילו אַראָב מיט מיטלייד אויף די „אינטעלעקטועלע פעהלערן", וואָס זיי זענען בע-גאַנגען. אַ פאַקט אָבער איז, אַז קיינער פון די סאָציאַליסטען און רעוואָלוציאָנערען האָט פאַר מאַרקס'ן און ענגעלס'ן נישט בעגריפען די נייע סיטואַציע מיט איהרע קאָנסעקווענצען.

זיי זענען געווען די ערשטע, וואָס האָבען פערשטאַנען, אַז די ערא פון דער רעוואָלוציע — וועניגסטענס אויף דערווייל — איז געענדיגט. די „אינטערנאַציאָנאַלע" האָט געזוכט סיסטעמאַטיש צו ענטוויקלען די פראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס אויפ'ן אייראָפעאישען קאָנטינענט. מאַרקס' „קאַפּיטאַל" האָט ענטוויקעלט די ערשטע טעאָריע פון אַרבייטער-שוץ, און אין דער פראָלעטאַרישער בעוועגונג פאַר'ן אַלגעמיינעם וואַהל-רעכט פון די זעכציגער יאָהרען אין ענגלאַנד האָט די „אינטערנאַציאָנאַלע" געהאַט אַ שטאַרקען חלק.

דורך דער נייער סיטואַציע האָבען אָבער געמוזט אַנדערש ווערען נישט בלויז די מעטאָדעס, ווי-אַזוי צו מאַכען דעם אַרבייטער-קלאַס רייף און בעוואוסטזיניג, נאָר אויך דאָס טעמפּאָ פון דער ענטוויקלונג. אָנשטאָט דעם האַסטיגען רעוואָלוציאָנערען שפרונג איז געקומען די פריעדליכע און געזעצליכע עוואָלוציע, וואָס פאַר אַ פייערדיגען גייסט זעהט זי אויס צו-פאַמעליך, צו-קריכעדיג.

אויף אַזאַ אופן זענען איינצעלנע געשעהענישען פאָרגעקומען

נאַנץ אַנדערש, ווי די פּערפאַסער פון קאָמוניסטישען מאַניפעסט האָבען ערוואַרט, ווען זיי האָבען איהם אָנגעשריבען. זיי זענען אָבער געווען די ערשטע, וואָס האָבען תּופס געווען די נייע לאַגע, און דאָס אויך דורך די יסודות און דורך די מעטאָדעס, וואָס זיי אַליין האָבען אין מאַניפעסט ענטוויקעלט. די נייע לאַגע גופא בע־שטעטיגט זייערע יסודות, הגם נישט אין די פאָרמען, וואָס זיי האָבען פאָרויסגעזעהן. אויב די אַרבייטער־שוץ און די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס האָבען אין די צעהנדליגער יאָהרען דערגרייכט צו אַזאַ בעדייטונג, וועלכע מ׳האָט אין 1847 נאָך נישט געקאָנט פאָר־זעהן, איז עס געשעהן דערפאַר, וואָס דער קלאַסען־געגענזאַץ צווישען דער בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט האָט עטליכע חדשים נאָך דער ערשיינונג פון קאָמוניסטישען מאַניפעסט שוין געהאַט אַזאַ ווירקונג אויף דער בורזשואַזיע, וועלכע מ׳האָט ביז פעברואַר 1848 זיך גאָר נישט געקאָנט פאָרשטעלען. דאָס הייסט אַלזאָ, אַז די צייכנונג פון דעם געגענזאַץ אין קאָמוניסטישען מאַניפעסט איז געווען פאַר יענער צייט נאָך מעהר ריכטיג, ווי די צייכנער אַליין האָבען געמיינט.

צווישען יענע, וואָס גיבען־זיך־אָן פאַר „קריטיקער“ פון מאַניפעסט, זענען אָבער נור איינצעלנע תּופס אָט דעם צוזאַמענ־האַנג. פון דעם פאַקט, אַז אָנשטאָט דעם גיכען, שטורמישען שפּרונג איז פאָרגעקומען ביזהער אַ „פּריעדליכע“, בהדרגה׳דיגע ענטוויקלונג און אָנשטאָט דער רעוואָלוציאָנערער איבערקעהרעניש אַ לעגאַלע מעטאָדע פון קלאַסען־קאַמף, — פון דעם פאַקט דרינגען זיי, אַז צווישען דער בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט איז אָדער בכלל גאָר נישטאָ קיין שום קלאַסען־געגענזאַץ, אָדער דער געגענזאַץ ווערט אַלעמאָל שוואַכער. זיי טרעטען־אַרויס פאַר דעם, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל געהן צוזאַמען מיט דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, און אויף־וויפיעל דאָס זענען סאָציאַליסטען, פעררופען זיי זיך דערביי אויף יענעם זאַץ פון קאָמוניסטישען מאַניפעסט, אין וועלכען עס ווערט געזאָגט:

אין דייטשלאַנד קעמפט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, ווי נור די בורזשואַזיע טרעט־אַרויס רעוואָלוציאָנער, געמיינזאַם מיט דער בורזשואַזיע

נעגען דער אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע, דעם פעאָדאַלען גרונד-אייגענטום און דער קליינבירגערײ.

מיר האָבען שוין אָבער געזעהן, אַז אויב מ'קאָן רעדען וועגען אַ „טעות“ אין קאָמוניסטישען מאַניפעסט און אויב מ'דאַרף דעם טעות באמת קריטיקירען, דאַרף מען עס אָנווענדען גראָד ביי דער „דאָגמע“ פון דער פאָליטיש-רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע. דאָס, וואָס די רעוואָלוציע איז אין מערב-אייראָפּאַ אינ'ם משך פון לעצטען האַלבען יאָהרהונדערט פערטרעטען געמאַכטען דורך אַנ'עוואָלוציע, איז בעצם אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס עס איז דאָ בכלל מעהר נישטאָ קיין רעוואָלוציאָנערע בורזשואַזיע. חוץ דעם האָבען אָבער מאַרקס און ענגעלס דעם געמיינזאַמען קאַמף מיט דער רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע פערשטאַנען גאַנץ אַנדערש, ווי עס פערשטעהען איהם די היינטיגע טרעגער פון סאָציאַליסטישען מיניסטעריאַליזם. אין דער רעדע פון דער צענטראַל-פיהרונג פום קאָמוניסטען-בונד פון מערץ 1850 ווערט בעהאַנדעלט די שטעלונג פון די קאָמוניסטען צו דער בירגערליכער דעמאָקראַטיע, וועגען וועלכער מ'האָט נאָך דעמאָלט געגלויבט, אַז ביי אַ נייעם רעוואָלוציאָנערען אויסבראָך וועט זי די ערשטע אַוועקגעשטעלט ווערען ביים רודער פון דער מלוכה. דאָרט ווערט געזאָגט:

אין דעם איצטיגען מאָמענט, ווען די דעמאָקראַטישע קליינבירגער זענען אומעטום אונטערדריקט, פרעדיגען זיי דעם פּראָלעטאַריאַט אין אַלגעמיין אחדות און שלום. זיי שטרעקען איהם אויס די האַנד און שטרעבען אויפצושטעלען אַ גרויסע אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטיי, וואָס זאָל ארומנעהמען אַלע שאַטירונגען פון דער דעמאָקראַטיע, ד. ה. זיי שטרעבען דערצו, אַז די אַרבייטער זאָלען פערוויקעלט ווערען אין אַ פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער עס זאָלען זיך קודם-כל הערען די אַלגעמיינע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פראַזען *), נאָר הינטער די פראַזען זאָלען זיין בעהאַלטען זייערע בעזונדערע (דעמאָקראַטיש-קליינבירגערליכע) אינטערעסען, און די בעשטימטע פאָדערונגען פון פּראָלעטאַריאַט זאָלען למען השלום נישט אַרויסגעשטעלט ווערען. אַזאַ פעראייניגונג וועט נור זיי אַליין לוינען, בעת דעם פּראָלעטאַריאַט וועט עס שאַדען. דער פּראָלעטאַריאַט וועט פערליערען זיין

*) די דעמאָלטיגע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע איז נישט געווען קיין פּראָלעטאַרישע קלאַסען-פּאַרטיי, נור אַ קליינבירגערליך-פּראָלעטאַרישער מישמאַש אָהן אַ בעשטימטען קלאַסען-כאַראַקטער, אָבער מיט אַנ'איבערגעוויכט פון קליינבירגערליכע שטרעבונגען.

גאַנצע זעלבסטשטענדיגע, מיט מיה אויסגעקעמפטע שטעלונג און וויעדער אראָבּ־זינקען ביז דער לאַגע פון א צוטשעפּעניש צו דער אָפּיציעל־בּירגערליכער דעמאָקראַטיע. דידאָזיגע פּעראייניגונג מוז דעריבער—ווי אַמשאַרפסטען בעקעמפט ווערען... אין פאַל פון א קאַמף געגען א געמיינזאַמען געגנער דאַרף מען קיין בעזונדערע פעראייניגונג נישט האָבען. וויבאַלד מ'דאַרף אזא געגנער דירעקט בעקעמפען, פאַלען די אינטערעסען פון ביידע פּאַרטייען פאַר דעם מאָמענט צוזאַמען און, ווי דאָס איז געווען ביזהער, וועט אויך אין דער צוקונפט אזא צייטווייליגע פערבינדונג זיך שוין ממילא שאַפען. עס פערשטעהט זיך, אז ביי די ערוואַרטעטע בלוטיגע קאָנפליקטען וועלען די אַרבייטער, ווי ביי אַלע פריהער־דיגע, דאַרפען אויסקעמפען דעם נצחון דורך זייער מוט, דורך זייער ענטשלאָסענ־קייט און מסירות־נפש... בעת'ן קאַמף און נאָך איהם מוזען די אַרבייטער ביי יעדער געלעגענהייט אַרויסשטעלען זייערע אייגענע פאָדערונגען נעבען די פאָדערונגען פון דער בּירגערליכער דעמאָקראַטיע. זיי מוזען פערלאַנגען גאַראַנ־טיעס פאַר די אַרבייטער, ווי נור די דעמאָקראַטישע בירגער וועלען זיך פערמעסטען איבערצונעהמען די רעגירונג אין זייערע הענד. אין נויטיגען פאַל מוזען זיי די גאַראַנטיעס אויסקעמפען מיט־גוואַלט און בכלל דאַרפען זיי זאָרגען דערפאַר, אז די נייע רעגירער זאָלען זיך מתחייב זיין, צו געבען אַלע מעגליכסטע קאָנצעסיעס און הבטחות — א זיכערסטע מיטעל, זיי צו קאָמפּראָ־מיטירען. אין דער שמחה איבער'ן נצחון און אין דער התלהבות פון דער נייער לאַגע דאַרפען זיי ווי ווייט נור מעגליך בלייבען רוהיג, צוריקגעהאַלטען, מיט א קאַלטבלוטיגער אָבשאַצונג פון דער לאַגע און מיט א נישט־בעהאַלטענער אונצוטרוי צו דער נייער רעגירונג... מיט איין וואָרט: פונ'ם ערשטען נצחון־מאָמענט אָן דאַרף דער אונצוטרוי זיין געווענדעט נישט געגען דער בעזיגטער רעאַקציאָנערער פּאַרטיי, נאָר געגען די ביזהעריגע פערבונדעטע, געגען דער פּאַרטיי, וואָס וויל דעם נצחון עקספּלואַטירען פאַר זיך אַליין.

אַזוי אַלזאָ האָט אויסגעזעהן דער געמיינזאַמער קאַמף פון דער בורזשואַזיע מיט'ן פּראָלעטאַריאַט געגען אַבסאָלוטיזם און פעאָדאַליזם, וועלכען מאַרקס און ענגעלס האָבען געהאַט פאַר די אויגען, ווען זיי האָבען געשריבען דעם קאָמוניסטישען מאַניפעסט.

אמת, מ'קאָן אָבווענדען, אַז דאָ האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַ רעוואָלוציאָנערען קאַמף. אָבער אַזאַ געמיינזאַמער רעוואָלוציאָנע־רער קאַמף איז דאָך דער גינסטיגסטער פאַל פאַר אַ צוזאַמענווירקען פון דער בורזשואַזיע מיט'ן פּראָלעטאַריאַט. די געפאַהר, אַז די פּאָליטישע קראַפט פון פּראָלעטאַריאַט זאָל נישט עקספּלואַטירט ווערען דורך דער בורזשואַזיע; אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל נישט פערליערען יענע פּאָליטישע מאַכט, וואָס קומט איהם לויט זיין

פּאָליטישער זעלבשטענדיגקייט, און ד נויטווענדיגקייט זיך צו בעציהען מיט אונצוטרוי צו דער בירגערליך־דעמאָקראַטישער רעגי־רונג, — זענען דאָך, נאַטירליך, אַסך גרעסער דאָרט, וואו די בורזשואַזיע קאָן זיין. נור קאָנסערוואַטיוו, איידער דאָרט, וואו עס האַנדעלט זיך נאָך וועגען פערלאַפּען נייע פּאָזיציעס אויף אַ רעוואָ־לוציאָנערען אופן.

אויב עס קאָן אָבער היינט (אויסער רוסלאַנד) נויטיג זיין אַ צוזאַמענווירקונג פון דער בורזשואַזיע מיט'ן פּראָלעטאַריאַט, איז עס נישט צו רעוואָלוציאָנערע, נאָר צו קאָנסערוואַטיווע צוועקען: צו זיכערן און צו דערהאַלטען די אָרימע התחלות פון דער דע־מאָקראַטיע געגען דעם דרוק פון דער רעאַקציע. אויך ביי דעם קאַמף געגען דער רעאַקציע דאַרף דער פּראָלעטאַריאַט זיינע מענ־שען אַרויסשטעלען, אויך דאָ מוז ער צייטווייליג געהן צוזאַמען מיט דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, אָבער נאָך מעהר, ווי ביי דעם רעוואָלוציאָנערען קאַמף, דאַרף מען דאָ ציטערן דערפאַר, ער זאָל נישט פעררואַטען ווערען פון זיינע פערבונדעטע, דאָ איז נאָך שטאַרקער די נויטיגקייט פון אַנ'אָפענעם אונצוטרוי און פון אַ גאַנץ בעזונדערער, זעלבשטענדיגער אָרגאַניזאַציע. צוליעב זיין ספּעציע־לער לאַגע איז דער פּראָלעטאַריאַט בכלל דורך־און־דורך אַ רעוואָ־לוציאָנערער קלאַס -- ביי היינטיגען טאָג דער איינציגער רעוואָלוציאָנערער קלאַס. דורך די אומשטענדען קאָן ער אַמאָל געצוואונגען ווערען צו אַ קאָנסערוואַטיווער אַקציע אין דעם זין, ווי מיר האָבען עס פריהער דערמאָהנט (אין קאַמף געגען דער רעאַקציע); אַליין זיך פערליערען אין דער קאָנסערוואַטיווער טעטיגקייט קאָן ער קיינמאָל נישט. ער מוז שטענדיג אַרויסשטעלען זיין רעוואָלוציאָנערען כאַראַקטער, אַפילו דאָרט, וואו ער ווירקט צייטווייליג קאָנסערוואַטיוו. ער קאָן ענטוויקלען און שטאַרקען זיינע כוחות נור אין רעוואָלוציאָנערע מעשים און רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדאַ; ער גראָבט־אונטער די וואָרצלען פון זיין אייגענער קראַפט, ווען ער בעגרענעצט זיך מיט דער ראָליע פון אַ קאָנסער־וואַטיווער גוואַרדיע פאַר וועלכער־ס'איז הערשענדיגער ליבעראַלער בורזשואַזיע געגען דעם דרוק פון גלחים, יונקערס און סאָלדאַטען.

קיין בעשטימטער נוסח פאַר די פאָרמען, וואָס דער קלאַסען־קאַמף פון פראָלעטאַריאַט דאַרף אָננעהמען אין יעדען לאַנד בעזונדער, לאָזט זיך, נאַטירליך, נישט דיקטירען, און אויך דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט האָט זיך דעם ציעל געשטעלט, די פערהעלטענישען, אונטער וועלכע עס קומט־אויס היינט דעם פראָלעטאַריאַט צו־פיהרען דעם פאָליטישען און עקאָנאָמישען קאַמף, זענען פערשיעדענאַרטיג און פערוויקעלט. אין יעדען לאַנד זענען די בעדינגונגען פון קאַמף אַנדערע, און אין ערגעץ לאָזען זיי זיך שוין מעהר נישט פערגלייכען מיט יענע בעדינגונגען, וואָס אונטער זייער ווירקונג איז אָנגעשריבען געוואָרען דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט.

דער מאַיפעסט בלייבט אָבער דאָך דער בעסטער, זיכערסטער פיהרער פון פראָלעטאַריאַט אויף דעם וועג צו דער בעפרייאונג פון זיין קלאַס און ממילא שוין אויך פון דער גאַנצער מענשהייט. ער איז דער בעסטער פיהרער נישט אַלס עוואַנגעליום, אַלס ביבעל, — ווי מ'האָט איהם גערופען, — וואָס זיינע ווערטער זענען הייליג, נאָר אַלס היסטאָרישער דאָקומענט. דער דאָקומענט דאַרף קריטיקירט ווערען; די קריטיק דאַרף זיך אָבער נישט בעגרענעצען דערמיט, וואָס זי ווייזט־אָן אויף איינצעלנע שטעלען און ווענדונגען, וועלכע פאַסען שוין נישט צו דער איצטיגער צייט, און קאָנסטאַטירט עס. זי דאַרף בעגרייפען דאָס ווערק, בעגרייפען יענע שטעלען, וואָס זענען שוין היינט פערעלטערט, און שעפען פון זיי נייע בעגריפען, נייע ערפאַהרונגען. ווער עס שטודירט אַזויערנאָך דעם קאָמוניכטישען מאַניפעסט, וועט אין איהם האָבען דעם זיכערסטען קאָמפּאַס אינ'ם שטורמישען ים פון פראָלעטאַרישען קלאַסען־קאַמף. נאָר אַ דאַנק דעם האָבען די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון אַלע לענדער געקאָנט האַלטען זיך אין דער ריכטיגער ליניע און בעוועגען זיך כסדר פאָראויס, נישט קוקענדיג אויף אַלע געגען־ווינטען און געגען־שטראָמען, אויף דעם נעבעל און די אַונטערוואַסער־שטיינער. דער קאָמפּאַס האָט זיי אַרויסגעהאָלפען, ווייל ער ווייזט שוין זעכציג יאָהר די ריכטונג פון דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג, וועלכע ווערט פון אַלע נייע פאַקטען ווידער און זיכערער בעשטעטיגט.

עס איז נישטאָ נאָך איין היסטאָרישער דאָקומענט, וואָס זאָל דורך די פאָלגענדע צעהנדליגער יאָהרען נאָך זיין ענטשטעהונג שטאַרקער און גלענצענדער בעפעסטינט ווערען, ווי דאָס איז מיט'ן קאָמוניסטישען מאַניפעסט.

בערלין, יוני 1906.

ק. קאַאוטסקי.

# פּאָררעדעם.

## I

דער „בונד פון די קאָמוניסטען" — אַן אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער-פערבאַנד, וואָס האָט ביי די דעמאָלטיגע פערהעלטעני־שען, זעלבסטפערשטענדליך, געקאָנט זיין נור אַ געהיימע — האָט אויף דעם לאָנדאָנער קאָנגרעס פון נאָוועמבער 1847 איבערגעגעבען די אונטערגעשריבענע צוזאַמענצושטעלען פאַר דער עפענטליכקייט אַ בעשטימטען אויספיהרליכען, טעאָרעטישען און פּראַקטישען פּאַרטיי-פּראָגראַם.

אַזוי איז ענטשטאַנען דער ווייטער געדרוקטער מאַניפעסט, וואָס זיין מאַנוסקריפּט האָט עטליכע וואָכען נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע איבערגעוואַנדערט קיין לאָנדאָן צום דרוקען. אָבגעדרוקט לכתחילה אין דייטש, איז ער אין דער דאָזיגער שפּראַך מינדעסטענס צוועלף מאָל איבערגעדרוקט געוואָרען אין דייטשלאַנד, ענגלאַנד און אַמעריקאַ. אַן ענגלישע אויסגאַבע פונ'ם מאַניפעסט איז ערשיענען ערשט אין יאָהר 1850 אין לאָנדאָן אינ'ם „רייד רעפּובליקען", אין דער איבערזעצונג פון מיס העלען מעקפערלען, און אינ'ם יאָהר 1871 אין וועניגסטענס דריי פערשיעדענע איבערזעצונגען אין אַמעריקאַ. אויף פראַנצויזיש איז ער אַרויסגעגעבען געוואָרען דאָס ערשטע מאָל אין פּאַריז אַ קורצע צייט פאַר'ן יוני-אויפשטאַנד אינ'ם יאָהר 1848, און לעצטענס אינ'ם „לע סאָסיאַליסט" אין ניו-יאָרק. אַ נייע איבערזעצונג ווערט איצט צוגעגרייט. אַ פּוילישע אויסגאַבע איז ערשיענען אין לאָנדאָן גלייך נאָך דער ערשטער דייטשער. אַ רוסישע — אין זשענעווא אין די זעכציגער יאָהרען. אויף דעניש איז ער אויך איבערזעצט געוואָרען באַלד נאָך זיין ערשיינען.

פאַר די לעצטע פינף-און-צוואַנציג יאָהר האָבען זיך די פערהעלטענישען שטאַרק געענדערט; די אַלגעמיינע יסודות, וואָס ווערען

אין דעם מאַניפעסט ענטוויקעלט, האָבען אָבער בכּלל דערהאַלטען זייער פולע ריכטיגקייט ביז היינטיגען טאָג. נאָר איינצעלנע שטעלען וואָלט מען בעדאַרפט דאָ און דאָרט אויסבעסערען. די פּראַקטישע פערווירקליכונג פון די יסודות וועט, ווי דער מאַניפעסט אַליין ערקלערט, אומעטום און ביי יעדער צייט אָבהענגען פון די היסטאָרישע אומשטענדען, אַזוי אַז עס מוז נישט געלעגט ווערען דוקא קיין בעזונדער אַכט אויף די פאָרגעלעגטע רעוואָלוציאָנערע מיטלען אין סוף פון צווייטען קאַפּיטעל. די דאָזיגע שטעלע וואָלט היינט אין אַ סך הינזיכטען אַנדערש געשריבען געוואָרען. נאָך דער ריזיגער, שנעלער ענטוויקלונג פון דער גרויס-אינדוסטריע פאַר די לעצטע פינף-און-צוואַנציג יאָהר און דער מיט איהר צוזאַמען וואַקסענדער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע פון אַרבייטער-קלאַס; נאָך די פּראַקטישע ערפאַהרונגען פון דער פעברואַר-רעוואָלוציע און נאָך מעהר פון דער פּאַריזער קאָמונע, וואו דער פּראָלעטאַריאַט האָט צום ערשטען מאָל צוויי חדשים לאַנג געהאַלטען אין זיינע הענד די פּאָליטישע מאַכט, — איז דאָס דערמאָהנטע פּראָגראַם ערטערווייז פעראַלטערט. בעזונדערס האָט די קאָמונע בעוויזען, אַז דער אַרבייטער-קלאַס קאָן נישט פּשוט פערכאַפּען די פאַרטיגע מלוכה-מאַשין און זי לאָזען אין בעוועגונג צו זיינע אייגענע צוועקען. (זעה „דער בירגער-קריעג אין פראַנקרייך, אַדרעס פון גענעראַל-ראַט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער - אַסאָציאַציע“, דייטשע אויסגאַבע, זייט 19, וואו די פראַגע ווערט ברייטער בעהאַנדעלט). חוץ דעם איז זעלבסטפערשטענדליך, אַז די קריטיק פון דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור איז פאַר'ן איצטיגען מאָמענט שוין נישט גענוגענד, ווייל זי דערגעהט נור ביז'ן יאָהר 1847; עס איז אויך פערשטענדליך, אַז די בעמערקונגען וועגען דער שטעלונג פון די קאָמוניסטען צו די פערשיעדענע אָפּאָזיציע-פּאַרטייען (קאַפּיטעל IV), הגם אין עצם זענען זיי נאָך היינט אויך ריכטיג, זענען אָבער זייערע אויספיהרונגען שוין היינט פעראַלטערט צוליעב דעם אַליין, וואָס די פּאָליטישע לאַגע האָט זיך לחלוטין געענדערט און די היסטאָרישע ענטוויקלונג האָט שוין לאַנג אַ תּל געמאַכט פון די מעהרסטע פּאַרטייען, וועלכע זענען דאָרט אָנגעגעבען.

דאָך, דער מאַניפעסט איז אַ היסטאָרישער דאָקומענט, וואָס מיר נעהמען זיך נישט דאָס רעכט איהם צו ענדערען. אַ שפּעטער־דיגע אויסגאַבע וועט אפשר ערשיינען מיט אַנ'איינלייטונג, וואָס וועט בעלייכטען דעם גאַנצען משך צייט פון 1847 ביז היינט; די איצטי־גע אויסגאַבע איז געקומען פאַר אונז צו־אונערוואַרטעט, אום זיך צו נעהמען צייט דערצו.

לאָנדאָן, 24. יוני 1872.

קאַרל מאַרקס. פרידריך ענגעלס.

---

## II.

די הקדמה צו דער איצטיגער אויסגאַבע מוז איך לײדער אַליין אונטערשרייבען. מאַרקס, דער מענש, וועמען דער גאַנצער אַרבייטער־קלאַס פון אייראָפּאַ און אַמעריקאַ האָט מעהר צו דאַנקען ווי אימיצען אַנדערען — מאַרקט רוהט איצט אויפ'ן בית־עולם אין היידזשעט, און איבער זיין קבר וואַקסט שוין דאָס ערשטע גראָז. זינט ער איז געשטאָרבען קאָן וועגען אַ'איבעראַרבייטונג אָדער אויס־פילונג פון מאַניפעסט מעהר קיין רייד נישט זיין. איך האַלט עס דעריבער פאַר נויטיג, דאָ נאָכאַמאָל אויסדריקליך פעסטצושטעלען פאָלגענדעס:

דער דורכגעהענדער גרונד־געדאַנק פון מאַניפעסט: אַז די עקאָנאָמישע פּראָדוקציע און די פון איהם געצוואונגענע געזעלשאַפט־ליכע קלאַסיפיצירונג פון יעדער היסטאָרישער עפּאָכע איז דער יסוד פאַר דער פּאָליטישער און אינטעלעקטועלער געשיכטע פון דער עפּאָכע; אַז לויט דעם איז (זינט כ'איז אונטערגעגאַנגען דאָס אוראַלטע קאָלעקטיווע אייגענטום פון ערד) די גאַנצע מענשליכע געשיכטע געווען אַ געשיכטע פון קלאַסען־קאַמפען, פון קאַמפען צווישען אויס־גענוצטע און אויסנוצער, צווישען בעהערשטע און הערשענדע קלאַסען אויף פערשיעדענע מדרגות פון דער געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג; אַז דער דאָזיגער קאַמף איז איצט דערגאַנגען צו אזאַ מדרגה, ווען דער עקספּלואַטירטער און אונטערדריקטער קלאַס (דער פּראָלעטאַריאַט) קאָן זיך נישט מעהר בעפרייען פון זיינע אויס־

נוצער, און אונטערדריקער (די בורזשואַזיע), סיידען ער זאָל די גאנצע געזעלשאַפט אויף אייביג בעפרייען פון עקספּלואַטאַציע, אונטערדריקונג און קלאַסען-קאַמפּען, — אָט דער גרונד-געדאַנק איז אויסשליסליך און אינגאַנצען מאַרקס׳.*)

איך האָב עס שוין עטליכע מאָל ערקלערט; ס׳איז אָבער גראָד איצט נויטיג, אַז דאָס זאָל געדרוקט זיין אויף פאַר דעם מאַניפעסט גופא.

לאָנדאָן, 28. יוני 1883. פ. ענגעלס.

---

## III.

זינט איך האָב אָנגעשריבען דאָס פריהערדיגע איז ווידער נויטיג געוואָרען אַ נייע דייטשע אויפלאַגע פונ׳ם מאַניפעסט, און פאַר דער צייט זענען ווידער מיט איהם פערבונדען געוואָרען פערשיעדענע פרטים, וועלכע דאַרפען דאָ דערמאָהנט ווערען.

אַ צווייטע רוסישע איבערזעצונג — פון וויעראַ זאסוליטש — איז ערשיענען אין זשענעוואַ אינ׳ם יאָהר 1882, מיט אַ פאָררעדע פון מאַרקס׳ן און מיר. צום בעדויערען איז מיר דער דייטשער אָריגינאַל-מאַנוסקריפּט פערלאָרען געגאַנגען, און איך מוז עס צוריק-איבערזעצען פון רוסישען, דורך וואָס די אַרבייט וועט, פערשטעהט זיך, נישט געוואונען.דאָרט איז געשריבען:

די ערשטע רוסישע אויסגאַבע פונ׳ם „מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי“, אין באַקונינ׳ס איבערזעצונג, איז ערשיענען

*) „צום דאָזיגען געדאנק, — האָב איך געשריבען אין **דער הקדמה צו** דער ענגלישער איבערזעצונג, וואָס נאָך מיין מיינונג וועט ער האָבען **די אייגענע** בעדייטונג פאַר דער היסטאָריע-פאָרשונג, וועלכע דאַרווינ׳ס טעאָריע האָט בעהאַט פאַר דער נאַטור-וויסענשאַפט, צום דאָזיגען געדאנק האָבען מיר זיךביידע אַלץ מעהר דערנעהענטערט שוין מעהרערע יאָהרען פאַר 1845. אויף-וויפיעל איך האָב מיך זעלבשטענדיג בעוואויגען אין דער דאָזיגער ריכטונג, בעוויזט מיין ווערק: „די לאגע פון די ארבייטענדע קלאַסען אין ענגלאַנד“. ווען איך האָב אָבער מארקס׳ן ווידער געטראָפען אין בריסעל אין פריהלינג 1845, האָט ער איהם **שוין** נעהאַט פארטיג אויסגעארבייט, און ער האָט מיר איהם פאָרגעלעגט כמעט **אין** דער אייגענער קלאָרער פאָרם, ווי איך האָב איהם דאָ צוזאמענגעפאַסט“

אין אָנהויב פון די זעכציגער יאָהרען אין דער דרוקעריי פון „קאָלאָקאָל". דעמאָלט האָט אַ רוסישע אויסגאַבע פון דעם ווערק געהאט פאַר די מערב-לענדער העכסטענס די בעדייטונג פון אַ ליטעראַרישען קוריאָז. היינט איז אַזאַ מיינונג שוין מעהר נישט מעגליך. וואָס פאַר אַ בעגרעניצטען פערשפּרייטונגס-געביעט די פּראָלעטאַרישע בעוועגונג האָט געהאַט אין דער צייט, ווען דער מאַניפעסט איז דאָס ערשטע מאָל פערעפענטליכט געוואָרען (יאַנואַר 1848), בעווייזט אַמבעסטען דאָס לעצטע קאַפּיטעל: „די שטעלונג פון די קאָמוניסטען צו די פערשידענע אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען". דאָ פעהלען קודם-כל רוסלאַנד און די פעראייניגטע שטאַטען. דאָס איז געווען די צייט, ווען רוסלאַנד איז נאָך געווען דער לעצטער גרויסער רעזערוו פון דער אייראָפּעאישער רעאַקציע, און ווען די עמיגראַציע אין די פעראייניגטע שטאַטען האָט איינגעשלונגען אַלע איבריגע קרעפטען פון אייראָפּעאישען פּראָלעטאַריאַט. ביידע לענדער האָבען פערזאָרגט אייראָפּאַ מיט רויה-מאַטעריאַל און גלייכצייטיג אויך געדיענט אַלס אָבזאַץ-מערק פאַר די אייראָפּעאישע אינדוסטריע-אַרטיקלען. ביידע לענדער זענען אַלזאָ, אין דער אָדער אַנ'אַנדער פאָרם, געווען די שטיצע פון דער אייראָפּעאישער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג.

ווי איז דאָס אַלץ היינט אַנדערש געוואָרען! גראָד די אייראָפּעאישע אויסוואַנדערונג האָט מעגליך געמאַכט די קאָלאָסאַלע ענטוויקלונג פון דער צפון-אַמעריקאַנישער לאַנדווירטשאַפט, וואָס האָט דורך איהר קאָנקורענץ צעטרייסעלט דעם פונדאַמענט סיי פונ'ם גרויסען סיי פון קליינעם גרונד-אייגענטום אין אייראָפּאַ. גלייכצייטיג דערמיט האָט זי די פעראייניגטע שטאַטען געגעבען די מעגליכקייט, צו אָנהויבען עקספּלואַטירען זייערע רייכע אינדוסטריעלע הילפס-קוועלען, און דאָס מיט אַזאַ ענערגיע און אין אַזאַ מאַסשטאַב, אַז אין אַ קורצער צייט האָט דער אינדוסטריעלער מאָנאָפּאָל פון אייראָפּעאישען מערב זיך געמוזט ענדיגען. די ביידע אומשטענדען האָבען געהאַט אַ רעוואָלוציאָנערע ווירקונג אויך אויף אַמעריקאַ. דאָס קליינע און מיטעלערע גרונד-אייגענטום פון די אַליין אַרבייטענדע פערמער, — דער יסוד פון דער גאַנצער פּאָלי-

טישער אָרדנונג אין אַמעריקאַ, — איז אַלץ מעהר און מעהר אונטערגעוואָרפען געוואָרען דער קאָנקורענץ פון די ריעזען-פערמעס, בעת אין די אינדוסטריע-ראַיאָנען האָט זיך דערביי צום ערשטען מאָל אויסגעבילדעט אַ מאַסען-פּראָלעטאַריאַט נעבען אַ לעגענדאַרישער קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל.

לאָ'מיר איבערגעהן צו רוסלאַנד. בעת דער רעוואָלוציע פון 1848—49 האָבען נ״שט בלויז די אייראָפּעאישע מאָנאַרכען, נאָר אויך די אייראָפּעאישע בורזשואַזיע געזעהען אין דער רוסישער אַריינמי-שונג די איינציגע ישועה געגען פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט דעמאָלס נור-וואָס געהאַט דערשפּירט זיינע כוחות. זיי האָבען דעריבער פּראָקלאַמירט דעם צאַר פאַר דעם קאָפּ פון דער אייראָפּעאישער רעאַקציע. היינט זיצט דער צאַר אין גאַטשינאַ אַלס קריעגס-געפאַנ-גענער פוו דער רעוואָלוציע, און רוסלאַנד איז געוואָרען דער אַוואַנגאַרד פון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג אין אייראָפּאַ.

די אויפגאַבע פון קאָמוניסטישען מאַניפעסט איז געווען צו פּראָקלאַמירען דעם אונפערמיידליכען נאָהענטען אונטערגאַנג פון היינטיגען בירגערליכען אייגענטום. אין רוסלאַנד אָבער זעהען מיר נעבען דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, וואָס ענטוויקעלט זיך פיי-בערהאַפט, און נעבען דעם בירגערליכען ערד-אייגענטום, וואָס נעהמט זיך ערשט אויסבילדען, — די גרעסערע העלפט פון דער ערד אַלס קאָלעקטיוו-אייגענטום פון די פויערים.

עס פרעגט זיך דעריבער: צי קאָן די רוסישע פויערים-געמיינדע, — די דאָזיגע שוין שטאַרק צעטרייסעלטע פאָרם פון'ם אוראַלטען קאָלעקטיווען ערד-אייגענטום — דירעקט פערוואַנדעלט ווערען אין אַ העכערער קאָמוניסטישער פאָרם פון ערד-אייגענטום, אָדער זי מוז פריהער דורכמאַכען דעם אייגענעם פּראָצעס פון צעפאַלען-זיך, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזען אין דער היסטאָרישער ענטוויקלונג פון מערב?

דער איינציגער, ביי היינטיגען טאָג מעגליכער ענטפער אויף דער דאָזיגער פראַגע איז דער פאָלגענדער: אויב די רוסלענדישע רעוואָלוציע וועט ווערען דער סיגנאַל צו אַנ'אַרבייטער-רעוואָלוציע אין די מערב-לענדער, אַזוי אַז זיי וועלען זיך איינע די אַנדערע

פּרגענצען, וועט דאָס היינטיגע רוסלענדישע קאָלעקטיוו-אייגענטום קאָנען ווערען דער אויסגאַנגס-פּונקט פון דער קאָמוניסטישער ענטוויקלונג.

לאָנדאָן, 21 יאַנואַר 1882.

אַ נייע פּוילישע איבערזעצונג איז ערשיענען אין דער אייגענער צייט אין זשענעוואַ: Manifest komunistyczny

ווייטער איז ערשיענען אַ נייע דייטשע איבערזעצונג אין דער „סאָציאַלדעמאָקראַטישער ביבליאָטהעק, קיעבענהאַוון 1885". די איבערזעצונג איז ליידער נישט גאַנץ פולשטענדיג; עטליכע וויכטיגע שטעלען, וואָס דער איבערזעצער האָט, קענטיג, זיך נישט געקאָנט מיט זיי קיין עצה געבען, זענען דורכגעלאָזען געוואָרען, און בכלל בעמערקט זיך דאָרט אין מעהרערע ערטער שפּורען פון צו-פליגקער איבעזעצונג. דאָס פערדריסט נאָכמעהר צוליעב דעם, וואָס מען זעהט פון דער אַרבייט, אַז ביי אַ מעהר ערנסטער בעציהונג וואָלט דער איבערזעצער געקאָנט מאכען די זאַך אויסגעצייכענט.

אינ'ם יאָהר 1886 איז ערשיענען אַ נייע פראַנצויזישע איבערזעצונג אין „לע סאָסיאַליסט", פּאַריז; זי איז די בעסטע פון אַלע ביזהעריגע איבערזעצונגען.

נאָך איהר איז אין אייגענעם יאָהר פערעפענטליכט געוואָרען אַ שפּאַנישע איבערזעצונג פריהער אין מאַדרידער „על סאָציאַליסטאַ", און דערנאָך אַלס בראָשורע: Manifesto del partido comunista por Carlos Marx y Fr. Engels, Madrid, Administracion de El Socialista, Hernan Cartés 8.

אַלס קוריאָז וויל איך נאָך דערמאָהנען, אַז אינ'ם יאָהר 1887 איז דער מאנוסקריפּט פון אַנ'אַרמענישער איבערזעצונג אָנגעבאָטען געוואָרען אַ קאָנסטאַנטינאָפּאָלער פערלעגער; דער גוטער מענש האָט אָבער נישט געהאַט דעם מוט צו דרוקען אַ ווערק, אויף וועלכען ס'איז געשטאַנען דער נאָמען מארקס, און ער האָט פּאָרגעלעגט דעם איבערזעצער, ער זאָל זיך אַליין אַרויפשטעלען אַלס פערפאַסער, פון וואָס דער האָט זיך, נאַטירליך, אָבגעזאָגט.

נאָכדעם ווי אין ענגלאַנד זענען אָבגעדרוקט געוואָרען עטליכע מעהר אָדער ווייניגער נישט-ריכטיגע אַמעריקאנישע איבערזעצונגען,

איז ענדליך אינ׳ם יאָהר 1888 ערשיענען אַנ׳אויטענטישע איבערזעצונג. זי איז געמאַכט געווורען פון מיין פריינד סאַמועל מור און פאַר׳ן דרוקען האָבען מיר זיביידע צוזאַמען נאָכאַמאָל דורכגעזעהן. דער טיטעל איז: Manifesto of the Communist Party by Karl Marx and Frederick Engels. Authorized English Translation, editet and annotated by Frederick Engels. 1888. London, Willam Reeves, 185 Fleet st. E. C. עטליכע אָנמערקונגען פון דער דאָזיגער אויסגאַבע האָב איך אַריינגענומען אין דער איצטיגער.

דער מאַניפעסט האָט אַנ׳אייגענע לעבענס-געשיכטע. אינ׳ם מאָמענט פון זיין ערשיינען, איז ער פונ׳ם דעמאָלט נאָך קליינעם אַוואַנגארד פון וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם התלהבות׳דיג בעגריסט געוואָרען (ווי עס בעווייזען די אָנגעגעבענע איבערזעצונגען אין דער ערשטער פּאָררעדע), באַלד אָבער איז ער פערשטופּט געוואָרען אין הינטערגרונד דורך דער רעאַקציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט דער מפלה פון די פּאַריזער אַרבייטער אין יוני 1848, און לסוף איז אויך „אין נאָמען פון רעכט" אַרויפגעלעגט געוואָרען אויף איהם א חרם דורך דער פערורטיילונג פון די קעלנישע קאָמוניסטען אין נאָוועמבער 1852. זינט די אַרבייטער-בעוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט דער פעברואַר-רעוואָלוציע, איז פערשוואונדען געוואָרען פון עפענטליכען לעבען, איז אויך דער מאַניפעסט פערדוקט געוואָרען אָן אַ זייט.

ווען דער אייראָפּעאישער אַרבייטער-קלאַס איז ווידער גענוגענד געקומען צו די כוחות, אום זיך פון-דאָס-ניי צו וואַרפען אויף דער מאכט פון די הערשענדע קלאַסען, איז ענטשטאַנען די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער-אַסאָציאַציע. איהר צוועק איז געווען, צוזאַמענצושמעלצען אין איין גרויסען אַרמעע-קערפער די גאַנצע קאַמף-פעהיגע אַרבייטערשאַפט פון אייראָפּאַ און אַמעריקאַ. זי האָט דעריבער נישט געקאָנט אַרויסגעהן פון די יסודות, וואָס ווערען ענטוויקעלט אין מאַניפעסט. זי האָט געמוזט האָבען אַ פּראָגראַם, וואָס זאָל נישט פערשליסען די טהיר פאַר די ענגלישע טרעד-יוניאָנס, פאַר די פראַנצויזישע, בעלגישע, איטאַליענישע און

שפּאַנישע פּרודאָניסטען און פאַר די דייטשע לאַסאַלאַנער*). דאָס דאָזיגע פּראָגראַם — די מאָטיווירונג צו די סטאַטוטען פון׳ם אינטערנאַציאָנאַל, האָט מאַרקס אַזוי מייסטערהאַפט אויפגעצייכענט, אַז אַפילו באַקונין און די אַנאַרכיסטען האָבען עס אָנערקענט. בנוגע צו דעם ענדליכען נצחון פון די יסודות, וואָס זענען ענטוויקעלט אין מאַניפעסט, האָט מאַרקס זיך פערלאָזען איינציג און בלויז אויף דער אינטעלעקטועלער ענטוויקלונג פון׳ם אַרבייטער-קלאַס, וועלכע וועט מוזען אַרויסוואַקסען פון דער פעראייניגטער אַקציע און דיסקוסיע. די געשעהענישען און פערשיעדענע ענדערונגען אין קאַמף געגען קאַפּיטאַל, די מפּלות נאָכמעהר ווי די נצחונות — האָבען נישט געקאָנט נישט אַויפקלערען די קעמפענדיגע: די לעצטע האָבען געמוזט איינזעהען די נישט-זיכערקייט פון זייערע ביזהעריגע הייל-מיטלען פאַר דער גאַנצער וועלט און זיך גרינדליכער פערטראַכטען איבער די אמת׳ע בעדינגונגען פון דער אַרבייטער-עמאַנציפּאַציע. און מאַרקס האָט געהאַט רעכט. דער אַרבייטער-קלאַס פון׳ם יאָהר 1874, ווען דער אינטערנאַציאָנאַל איז אויפגעלעזט געוואָרען, איז געווען גאַנץ אַנדערש ווי דער פון׳ם יאָהר 1864, ווען מ׳האָט דעם אינטערנאַציאָנאַל געגרינדעט. דער פּרודאָניזם אין די ראָמאַנישע לענדער און דער ספּעציפישער לאַסאַליזם אין דייטשלאַנד האָבען געהאַלטען ביים אָבשטאַרבען, און אַפילו די דעמאָלטיגע אינגאַנצען קאָנסערוואַטיווע טרעד-יוניאָנס האָבען זיך כּסדר דערנעהנטערט צו דעם פּונקט, ווען דער פּרעזידענט פון זייער קאָנגרעס אין סוואַנזעאַ (1887) האָט געקאָנט זאָגען אין זייער נאָמען: „דער קאָנטינענטאַלער סאָציאַליזם האָט אונז אויפגעהערט צו שרעקען“. דער קאָנטינענטאַלער סאָציאַליזם איז אָבער אינ׳ם יאָהר 1887 שוין געווען כּמעט אינגאַנצען בלויז די טעאָריע, דאָס ווערט ענטוויקעלט אין מאַניפעסט. און אַזוי שפּיגעלט-אָב די געשיכטע פון׳ם מאַניפעסט

*) לאַסאַל פערזענליך האָט זיך אונז שטענדיג פאָרגעשטעלט פאַר א „תלמיד“ פון מאַרקס׳ן און ווי אַזעלכער איז ער, פערשטעהט-זיך, געשטאַנען אויפ׳ן גרונד פון׳ם מאַניפעסט. אַנדערש איז עס אָבער געווען מיט יענע פון זיינע תלמידים, וועלכע וועלכע נישט אוועק ווייטער פון זיין פאָדערונג וועגען פּראָדוקטיוו-פעראייניגונגען מיט א מלוכה-קרעדיט און האָבען איינגעטיילט דעם גאַנצען אַרבייטער-קלאַס אין אַזעלכע, וואָס בעקומען הילף פון דער מלוכה, און אַזעלכע, וואָס העלפען זיך אליין.

אין אַ געוויסער מאָס די געשיכטע פון דער מאָדערנער אַרבייטער־בעוועגונג זייט 1848. ביי היינטיגען טאָג איז דער מאַניפעסט אָהן שום ספק דאָס אַממעהרסטען פערשפּרייטסטע, דאָס אינטערנאַציאָנאַלסטע ווערק פון דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, דאָס בשותּפות׳דיגע פּראָגראַם פון אַ סך מיליאָנען אַרבייטער אין אַלע לענדער פון סיביר ביז קאַליפאָרניע.

און דאָך, ווען ער איז ערשיענען, האָבען מיר איהם נישט געקאָנט אָנרופען דער סאָציאַליסטישער מאַניפעסט. אונטער׳ן טיטעל סאָציאַליסטישען האָט מען אין׳ם יאָהר 1847 פערשטאַנען צווייערליי מענשען. פון איין זייט די אָנהענגער פון פערשיעדענע אוטאָפּיסטישע סיסטעמען, בעזונדערס די אויעניסטען אין ענגלאַנד און די פוריעריסטען אין פראַנקרייך, וואָסביידע זענען שוין דעמאָלט געוועזען נישט מעהר ווי בלייכע, ביסלעכווייז גוסס׳דיגע סעקטעס. פון דער צווייטער זייט די פערשיעדענסטע סאָציאַלע פלוידערזעק, וואָס האָבען מיט זייערע וועלט־היילמיטלען און מיט אַלערליי לאַטעס פון דאַנען און פון דאָרטען געוואָלט בעזייטיגען די שלעכטע געזעלשאַפטליכע פערהעלטענישען, נישט־אָנריהרענדיג לחלוטין דעם קאַפּיטאַל און דעם פּראָפיט. אין ביידע פאַלען: מענשען, וואָס זענען געשטאַנען אויסער דער אַרבייטער־בעוועגונג און געזוכט מעהר שטיצע פון די „געבילדעטע" קלאַסען. דער יעניגער טייל דאַגעגען, פון די אַרבייטער, וואָס איז געווען איבערצייגט, אַז מיט בלויזע פּאָליטישע איבערקעהרענישען וועט מען גאָרנישט מאַכען, און האָט דעריבער געפאָדערט אַ גרינדליכע נייע פאָרמירונג פון דער געזעלשאַפט, — יענער טייל האָט זיך דעמאָלס גערופען קאָמוניסטיש. עס איז געווען נור אַ רוי־געאַרבייטער, נור אינסטיקטיווער, אָפט אַ ביסעל גראָבליכער קאָמוניזם; ער איז אָבער דאָך געווען גענוג קרעפטיג, אום צו שאַפען צוויי סיסטעמען פונ׳ם אוטאָפּישען קאָמוניזם: קאַבע׳ס „איקאַרישען" אין פראַנקרייך, און וויטלינג׳ס אין דייטשלאַנד. סאָציאַליזם האָט אין׳ם יאָהר 1847 געהייסען אַ בורזשואַזע בעוועגונג, קאָמוניזם — אַנ׳אַרבייטער־בעוועגונג. דער סאָציאַליזם איז, לפּחות אויפ׳ן אייראָפּעאישען קאָנטינענט, שוין צוגענגליך אויך אין סאַלאָן, דער קאָמוניזם — פּונקט דער

היפך דערפון. און אַזוי ווי מיר האָבען שוין דעמאָלט זיך פעסט געהאַלטען ביי דער מיינונג, אַז „די בעפרייאונג פון די אַרבייטער מוז געשעהען נור דורכ'ן אַרבייטער-קלאַס גופא", האָבען מיר קיין איין מינוט נישט געקאָנט מסופק זיין וועגען דעם, וועלכען פון דיביידע נעמען אויסצוקלייבען. און אויך פון דעמאָלס-אָן איז אונז קיינמאָל נישט איינגעפאַלען, דעם נאָמען אַראָבצונעהמען.

„פראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פעראייניגט אייך!" נור געצעהלטע שטימען האָבען אָבגעענטפערט, ווען מיר האָבען די ווערטער אויסגערופען אין דער וועלט מיט קרוב צוויי-און-פיערציג יאָהר צוריק, ערב דער ערשטער פאַריזער רעוואָלוציע, וואו דער פראָלעטאַריאַט איז ארויסגעטרעטען מיט אייגענע פאָדערונגען. דעם 28-סטען סעפטעמבער 1864 האָבען זיך אָבער די פראָלעטאריער פון די מעהרסטע מערב-אייראָפּעאישע לענדער פעראייניגט אין אַנ'אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער-אַסאָציאַציע מיט א ליכטיגען אָנדענקען. דער אינטערנאַציאָנאַל אַליין האָט, אמת, געלעבט נור ניין יאָהר. אָבער דער אייביגער בונד פון די פראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, וואָס ער האָט געשאַפען, לעבט נאָך ביז היינטיגען טאָג, לעבט היינט קרעפטיגער ווי ביזהער, — דערויף דאַרף מען קיין בעסערען בעווייז נישט האָבען, ווי דעם היינטיגען טאָג. דען היינט, ווען איך שרייב די דאָזיגע שורות, האַלט דער אייראָפּעאי-שער און אַמעריקאַנישער פראָלעטאַריאַט אָב אַנ'אויסשטעלונג פון זיינע צום ערשטען מאָל מאָבליזירטע קאַמף-כוחות, — מאָביליזירט אַלס איין אַרמעע, אונטער איין פאָהן און צוליעב איין נאָהנטסטען ציעל: דעם שוין פון זשענעווער קאָנגרעס (1889) פראָקלאמירטען אַכט-שעה'דיגען נאָרמאַלען אַרבייטס-טאָג, וואָס דאַרף נאָך געזעצליך דורכגעפיהרט ווערען. און דער ספּעקטאקל פונ'ם היינטיגען טאָג וועט די קאַפּיטאַליסטען און גרויסע ערד-בעזיצער פון אַלע לענדער עפענען די אויגען און זיי ווייזען, אַז די פראָלעטאַריער פון אַלע לענדער זענען היינט ווירקליך פעראייניגט.

וואָלט נור מאַרקס נאָך נעבען מיר געשטאַנען, אום דאָס מיט די אייגענע אויגען צו זעהען!

לאָנדאָן, 1. מאַי 1890. פ. ענגעלס.

# מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אַ שאָטען געהט-ארום אין אייראָפּאַ — דער שאָטען פון קאָמוניזם. אַלע הערשענדע כּוחות פון דער אַלטער אייראָפּאַ האָבען זיך פערבונדען, כּדי צוזאַמען צו פיהרען די הייליגע אָבלאַווע געגען דעם שאָטען: דער פּאַפּסט און דער צאַר, מעטערניך און גיזאָ, פראַנצויזישע ראַדיקאַלען און דייטשע פּאָליציאַנטען.

וואו איז די אָפּאָזיציאָנס-פּאַרטיי, וואָס זאָל פון איהרע רעגירענדיגע געגנער נישט פערשריען ווערען אַלס אַ קאָמוניסטישע פּאַרטיי און וואו איז די אָפּאָזיציאָנס-פּאַרטיי, וואָס זאָל דעם שענדליכען פּאָרוואורף, אַז זי איז קאָמוניסטיש, — נישט צוריקשליידערן אין פּנים סיי דער פּראָגרעסיווער אָפּאָזיציע, סיי די רעאַקציאָנערע געגנער?

פון דעם דאָזיגען פאַקט לאָזען זיך דרינגען צוויי זאַכען.

דער קאָמוניזם ווערט שוין פון אַלע הערשענדע אייראָפּעאישע כּוחות אָנערקענט פאַר אַ מאַכט.

עס איז די העכסטע צייט, אַז די קאָמוניסטען זאָלען זייער אַרט אָנשויאונג, זייערע צוועקען און זייערע טענדענצען אָפען ערקלערען פאַר דער וועלט, און דער לעגענדע וועגען דעם שאָטען פון קאָמוניזם אַנקעגענשטעלען אַ מאַניפעסט פון דער פּאַרטיי גופא.

צום דאָזיגען צוועק האָבען זיך קאָמוניסטען פון די פערשיעדענסטע פעלקער פערזאַמעלט אין לאָנדאָן און אויפגעצייכענט דעם פאָלגענדען מאַניפעסט, וואָס ווערט פערעפענטליכט אין דער ענגלישער, פראַנצויזישער, דייטשער, איטאַליענישער, פלעמישער און דענישער שפּראַך.

## I.

# בורזשואַ און פּראָלעטאַריער.

די געשיכטע פון יעדער געזעלשאַפט,*) וואָס האָט ביזהער עקזיסטירט, איז די געשיכטע פון קאַמף צווישען קלאַסען.

דער פרייער מענש און דער שקלאַף, דער פּאַטריצער און דער פּלעבייער, דער באַראָן און דער לייבקנעכט, דער צעך־האַנדווערקער און דער געזעלען, קורץ — די אונטערדריקער און אונטערדריקטע זענען כּסדר געשטאַנען אין א געגענזאַץ צווישען זיך און האָבען געפיהרט אַ שטענדיגען, דאָ אַ בעהאַלטענעם און דאָ אַן׳אָפּענעם קאַמף, — אַ קאַמף, וואָס האָט זיך יעדעס מאָל געענדיגט אָדער מיט אַ רעוואָלוציאָנערער איבערבויאונג פון דער גאַנצער געזעלשאַפט אָדער דערמיט, וואָס די קעמפּענדע קלאַסען זענען צו־זאַמען אונטערגעגאַנגען.

אין די פריהערדיגע עפּאָכעס פון דער געשיכטע געפינען מיר כּמעט אומעטום אַ פולשטענדיגע צעגלידערונג פון דער געזעלשאַפט אין פערשידענע שטאַנדען, אַ פערשידענאַרטיגע, מדרגות־ווייזע איינטיילונג פון די געזעלשאַפטליכע שטעלונגען. אין אַלטען רוים

*) גענוי גערעדט, הייסט עס די געשריבענע געשיכטע, וואָס איז צו אונז איבערגעגאַנגען. אינ׳ם יאָהר 1847 איז די פאָרגעשיכטע פון דער געזעלשאַפט, די געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט עקזיסטירט נאָך איידער די געשריבענע געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבען, — געווען כּמעט אינגאַנצען נאָך גישט בעקאַנט. פון דער צייט אָן האָט העקסטהויזען ענטדעקט דאָס קאָלעקטיווע אייגענטום פון ערד אין רוסלאַנד, און מאַוורער האָט בעוויזען, אַז דאָס איז געווען דער געזעלשאַפטליכער יסוד, פון וועלכען די דייטשע שטאַמען האָבען זיך היסטאָריש ענטוויקעלט. מ׳געפינט אויך אַלעמאָל ווייטער, אַז דאָרף־געמיינדעס מיט קאָלעקטיווען ערד־אייגענטום זענען געווען די גרונג־פאָרם פון דער געזעלשאַפט פון אינדיען ביז אירלאַנד. לסוף איז אויך קלאָר־געוואָרען די אינערליכע אָרגאַניזאַציע פון דער דאָזיגער אוראַלטער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט אין איהר טיפּישער פאָרם. דאָס האָט אונז מאָרגאַן געגעבען אין זיין פּרעכטיגער ענטדעקונג וועגען דעם אמת׳ען כאַראַקטער פון געשלעכט און זיין שטעלונג אינ׳ם שטאַם. מיט דער אויפלעזונג פון דעם דאָזיגען אוראַלטען קאָמוניזם הויבט־אָן די געזעלשאַפט זיך צו שפּאַלטען אין בעזונדערע, לסוף אויך זיך אַנטקעגענגעזעצטע קלאַסען.

האָבען מיר פּאַטריציִרער, רייטער, פּלעבייער, שקלאַפען; אין מיטעל־אַלטער: פעאָדאַל־פריצים, וואַסאַלען, צעך־האַנדווערקער, געזעלען לייב־קנעכט און דערצו נאָך כמעט אין יעדען פון די דאָזיגע קלאַסען וויעדער בעזונדערע מדרגות.

די מאָדערנע בירגערליכע געזעלשאפט, וואָס איז אַרויסגעוואַקסען פון'ם אונטערגאַנג פון דער פעאָדאַלער אָרדנונג, האָט די געגענזאַצען צווישען די קלאַסען נישט אָבגעשאַפט. אָנשטאָט די אַלטע האָט זי נור געשאַפען נייע קלאַסען, נייע בעדינגונגען פון אונטערדריקונג און נייע פאָרמען פון קאַמף.

אונזער עפּאָכע, די עפּאָכע פון דער בורזשואַזיע, צייכענט זיך דאָך אויס דערמיט, וואָס זי האָט די געגענזאַצען צווישען די קלאַסען געמאַכט איינפאַכער, פשוט'ער. די גאַנצע געזעלשאַפט טיילט זיך אַלץ מעהר איין אין צוויי גרויסע פיינדליכע לאַגערען, אין צוויי גרויסע קלאסען, וואָס שטעהען זיך דירעקט איינער געגען אַנדערען: די בורזשואַזיע און דער פּראָלעטאַריאַט.

פון די לייב־קנעכט פון מיטעלאַלטער זענען ענטשטאַנען די שוץ־בירגער פון די ערשטע שטעדט; פון דער דאָזיגער שוץ־בירגערשאַפט האָבען זיך ענטוויקעלט די ערשטע עלעמענטען פון דער בורזשואַזיע.

די ענטדעקונג פון אמעריקאַ און דער ים־פערקעהר איבער אַפריקאָ האָבען געשאַפען אַ נייעם באָדען פאַר דער אויפקומענדער בורזשואַזיע. דער מזרח־אינדישער און כינעזישער מאַרק, די קאָלאָניזירונג פון אַמעריקאַ, דער אויסטויש פון סחורות מיט די קאָלאָניעס, די פערמעהרונג פון די טויש־מיטלען און סחורות בכלל, האָבען דעם האַנדעל, דעם שיף־פערקעהר און די אינדוסטריע געגעבען אַזאַ הויב, וואָס ביזהער האָט מען דערפון נישט געוואוסט, און דאָס האָט אויך געהאָלפען צו ענטוויקלען גיך דעם רעוואָלוציאָנערען עלעמענט אין דער צעפאַלענער פעאָדאלער געזעלשאַפט.

די ביזהעריגע פעאָדאַלע פאָרם פונ'ם אינדוסטריע־פערקעהר אָדער די פאָרם פון צעך האָט איצט שוין נישט געקאָנט מעהר בעפריעדיגען דעם וואַקסענדען געברויך פון די נייע מערק. דעם פּלאַץ פון דער דאָזיגער פאָרם פערנעהמט דעריבער די מאַנופאַקטור.

צעך-מייסטער ווערען אַרויסגעשטופּט דורכ'ן אינדוסטריעלען מיטעל-קלאַס; די טיילונג פון דער אַרבייט צווישען די פערשיעדענע קאָרפּאָראַציעס ווערט פערשוואונדען צוליעב דער צעטיילונג פון דער אַרבייט אין יעדען איינצעלנעם ווערקשטאַט גופא.

די מערק זענען אָבער אַלץ גרעסער געוואָרען, כסדר איז געוואַקסען דער געברויך פון סחורה. אויך די מאַנופאַקטור איז שוין איצט ווייניג געווען. דאָ האָבען דער דאַמף און די מאַשינעריע געמאַכט אַנ'איבערקעהרעניש אין דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע. אויפ'ן אָרט פון דער מאַנופאַקטור איז ענטשטאַנען די מאָדערנע גרויסע אינדוסטריע, און אָנשטאָט דעם אינדוסטיעלען מיטעלקלאַס זענען אויסגעוואַקסען די אינדוסטריעלע מיליאָנערען, די שעפען פון גאַנצע אינדוסטריעלע אַרמעען — די מאָדערנע בורזשואַזיע.

די גרויסע אינדוסטריע האָט געשאַפען דעם וועלט-מאַרק, וועלכער איז צוגעגרייט געוואָרען דורך דער ענטדעקונג פון אַמעריקאַ. דער וועלט-מאַרק האָט אין אַנ'אונגעהויערער מאָס אַ שטופּ געטהון פאָראויס די ענטוויקלונג פונ'ם האַנדעל, פונ'ם שיף-פערקעהר און פון דער קאָמוניקאַציע אויף דער יבשה. דאָס ווידער האָט צוריק געהאַט אַ ווירקונג אויף דער פערשפּרייטונג פון דער אינדוסטריע, און צוזאַמען דערמיט, ווי עס האָבען זיך פערשפּרייט די אינדוסטריע, דער האַנדעל, דער שיף-פערקעהר און די באַהנען, איז געוואַקסען אויך די בורזשואַזיע, האָט פערגרעסערט איהרע קאַפּיטאַלען און אַלץ מעהר פערשטופּט אין הינטערגרונד די אַלע פון מיטעלאַלטער איבערגעגאַנגענע קלאַסען.

אַזוי זעהען מיר, אַז די מאָדערנע בורזשואַזיע גופא איז אַ פּראָדוקט פון אַ לאַנגען ענטוויקלונגס-פּראָצעס, פון אַ גאַנצער רייה איבערקעהרענישען אין דעם אופן פון דער פּראָדוקציע און פונ'ם פערקעהר.

יעדער טריט פאָראויס אין דער ענטוויקלונג פון דער בורזשואַזיע איז געגאַנגען צוזאַמען מיט אַ צוגעפּאַסטען פּאָליטישען פּראָגרעס. דאָ איז די בורזשואַזיע אַנ'אונטעדריקטער שטאַנד אונטער דער הערשאַפט פון פעאָדאַלע פריצים, —

דאָרט אַ בעוואָפענטע פעראייניגונג אין דער קאָמונע*) מיט אַנ׳אייגענער פערוואַלטונג, דאָ אַנ׳אונאָבהענגיגע שטאָדטישע רעפובליק, דאָרט — אַ דריטער שטאַנד אין דער מאָנאַרכיע, וואָס דאַרף צאָהלען בעזונדערע שטייערן. אין דער צייט פון דער מאַנופאַקטור איז זי געווען דאָס געגענגעוויכט געגען דעם אַדעל אין דער מאָנאַרכיע מיט שטענדען־פאָרשטעהער אָדער אין דער אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע. שפּעטער איז זי געווען דער הויפּט־יסוד פון די גרויסע מאָנאַרכיעס בכלל; און זינט ס׳איז ענטשטאַנען די גרויסע אינדוסטריע און דער וועלט־מאַרק האָט זי זיך אין דער מאָדערנער רעפּרעזענטאַטיוו־מלוכה אויסגעקעמפט די אויסשליסליכע פּאָליטישע הערשאַפט. די מאָדערנע מלוכה־מאַכט איז נור אַ קאָמיסיע, וואָס פיהרט־אָן מיט די בשותּפות׳דיגע ענינים פונ׳ם גאַנצען בורזשואַזען קלאַס.

אין דער געשיכטע האָט די בורזשואַזיע געשפּיעלט זעהר אַ רעוואָלוציאָנערע ראָליע.

וואו די בורזשואַזיע האָט זיך דערשלאָגען צו דער מאַכט, האָט זי אַ תּל געמאַכט פון אַלע פעאָדאַלע, פּאַטריאַרכאַלישע און אידילישע פערהעלטענישען. זי האָט אָהן שום רחמנות צעריסען די פעאָדאַלע קייטען, וואָס האָבען פערקניפּט דעם מענשען מיט זיין אויבערהאַר, און נישט איבערגעלאָזען פאַר דער בעציהונג צווישען מענש און מענש קיין אַנדער באַנד, אויסער דעם טרוקענעם אינטערעס, אויסער די ניכטערע „מזומנים“. דעם הייליגען ציטער פון רעליגיעזער התלהבות, די ריטערליכע בעגייסטערונג, די בירגערליכע סענטימענטאַליטעט — זי האָט אַלץ דערטרונקען אינ׳ם אייזקאַלטען וואַסער פון דער עגאָאיסטישער אויסרעכענונג. די פּערזענליכע ווערדע איז ביי איהר פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ מסחר־אַרטיקעל און אָנשטאָט די אָהן אַ צאָהל פרייהייטען, וואָס זי האָט דערגרייכט דורך די חסדים פון די הערשער און דורך די אַנדערע מיטלען, האָט זי פעסט אַוועקגעשטעלט די איינציגע געוויסענלאָזע פרייהייט:

*) אזוי האָבען די שטעדט־בירגער פון איטאַליען און פראַנקרייך גערופען זייערע שותּפות׳דיגע שטאָדטישע בעלהבית׳ישקייט, נאָכדעם ווי זיי האָבען אָבגעקויפט אָדער אַרויסגעריסען פון זייערע פעאָדאַלע פריצים די ערשטע זעלבסטפערוואַלטונגס־רעכט.

די פרייהייט פון האַנדעל. מיט איין וואָרט — אָנשטאָט דער עקס־פּלואַטאַציע, וואָס איז געווען איינגעהילט אין רעליגיעזע און פּאָליטישע אילוזיעס, האָט זי אַרויסגעשטעלט די אָפענע, אונפערשעמטע, דירעקטע און וויסטע עקספּלואַטאַציע.

פון אַלע ביזהער בעזונדערס געאַכטע בעשעפטיגונגען, צו וועלכע מ'האָט זיך בעצויגען מיט אַ פרומער ציטערניש, האָט די בורזשואַזיע אַראָבגעריסען די מאַסקע פון הייליגקייט. דער דאָקטאָר, דער יוריסט, דער גייסטליכער, דער דיכטער, דער געלעהרטער — זי האָט זיי געמאַכט פאַר לוין־אַרבייטער, וואָס ווערען פון איהר בעצאָהלט.

די בורזשואַזיע האָט פונ'ם משפחה־לעבען אַראָבגענומען דעם ריהרענד־סענטימענטאַלען שלייער און געמאַכט דערפון אַ ריינעם געלד־עסק.

די בורזשואַזיע האָט בעוויזען, אַז דער אויסדריק פון דער גראָבער קראַפט אין מיטעלאַלטער, פון וואָס די רעאַקציע ווערט אַזוי שטאַרק נתפעל, איז בעצם געגאַנגען צוזאַמען מיט'ן פוילסטען בטלנות, מיט דער שווערסטער בערישער אונבעוועגליכקייט. ערשט זי (די בורזשואַזיע) האָט בעוויזען, וואָס די מענשליכע טעטיגקייט קאָן צו־שטאַנד ברענגען. זי האָט געשאַפען גאַנץ אַנדערע וואונדער־ווערק, נישט פון דעם מין, ווי די עגיפּטישע פּיראַמידען, רוימישע וואַסערלייטונגען און גאָטישע קאַטעדראַלען; זי האָט דורכגעפיהרט גאַנץ אַנדערע צוגען, נישט פון דעם מין, ווי די פעלקער־וואַנדערונגען און די מסעי־הצלב.

די בורזשואַזיע קאָן נישט עקזיסטירען אָהן דעם, זי זאָל נישט כסדר רעוואָלוציאָניזירען די אינסטרומענטען פון דער פּראָדוקציע, ס'הייסט שוין אויך די פערהעלטענישען פון דער פּראָדוק־און ממילא אויך אַלע פערהעלטענישען פון דער געזעלשאַפט בכלל. דאַגעגען אַלע פריהערדיגע אינדוסטריעלע קלאַסען האָבען זיך געקאָנט דערהאַלטען נור דורכ'ן איבערלאָזען אונפערענדערט די אַלטע פאָרם פון דער פּראָדוקציע. די עפּאָכע פון דער בורזשואַזיע צייכענט־זיך־אויס פון אַלע איבעריגע טאקע דערמיט, וואָס אין איהר קומט־פאָר אַ סיסטעמאַטישע איבערקעהרעניש אין דער פּראָדוקציע,

א שטענדיג טרייסלעניש פון אלע געזעלשאפטליכע יסודות, א שטענ־
דיגע נישט־זיכערקייט און בעוועגונג. אַלע פעסטע, איינגעזשאווערטע
פערהעלטענישען מיט זייער סוויטע פון כבודיגע, אלטפעטערישע
בעגריפען און פאָרשטעלונגען ווערען אָבגעשאפט, און די ניי־גע־
שאפענע ווערען פערעלטערט, נאָך איידער זיי האָבען געקאָנט זיך
איינלעבען און איינבירגערען. אלץ, וואָס האָט א שייכות צום שטאנד
און איז געבליבען פערגליווערט, ווערט צעבלאָזען ווי א רויך, אלע
הייליגקייטען ווערען וואַכענדיג, און די מענשען זענען סוף־כל־סוף
געצוואונגען אָנצוהויבען קוקען מיט ניכטערע אויגען אויף זייער
לאגע און לעבען אַון אויף זייערע גענענזייטיגע בעציהונגען.

דאָס בעדערפעניש צו געפינען וואָס ווייטער אלץ א גרעסע־
רען מארק אָבצוזעצען איהרע פראָדוקטען, טרייבט די בורזשואזיע
איבער׳ן גאנצען ערד־קוגעל. אומעטום מוז זי זיך בעזעצען, אומע־
טום ווערען אַ בעל־הבית׳טע, אומעטום שאַפען פערבינדונגען.

דורך איהר עקספלואַטירען דעם וועלט־מאַרק האָט די
בורזשואַזיע דער פראָדוקציע און קאָנסומציע פון אַלע לענדער
געגעבען אַ קאָסמאָפּאָליטישען כאַראַקטער. צום גרויסען בעדויערען
פון די רעאַקציאָנערען האָט זי פון אונטער די פיס פון דער אינ־
דוסטריע אַוועקגעצויגען דעם נאַציאָנאַלען באָדען. די אוראַלטע
נאַציאָנאַלע אינדוסטריען זענען פערניכטעט געוואָרען און ווערען
נאָך איצט אויך מיט יעדען טאָג פערניכטעט. זיי ווערען אַרויסגע־
שטופּט דורך די נייע אינדוסטריען, וואָס זייער איינפיהרונג איז
אַ לעבענס־פראַגע פאַר אַלע ציוויליזירטע פעלקער, — דורך די
אינדוסטריען, וואָס אַרבייטען־אויס נישט בלויז די היימישע רוי־
שאָפען, נאָר אויך די רוי־שטאָפען פון די ווייטסטע לענדער, און
וואָס זייערע אַרטיקלען ווערען פערברויכט נישט בלויז אינ׳ם לאַנד
גופא, נאָר צוגלייך אין אַלע וועלט־טיילען. אָנשטאָט די אַלטע
בעדערפענישען, וואָס פלעגען בעפריעדיגט ווערען דורך די פראָדוק־
טען פון אייגענעם לאַנד, זענען אויסגעוואַקסען נייע, פאַר וועלכע
עס זענען נויטיג די פראָדוקטען פון די ווייטסטע געגענדען און
קלימאטען. אָנשטאָט דער אַלטער לאָקאַלער און נאַציאָנאַלער איינ־
געשלאָסענקייט, וואָס האָט זיך בעגנוגענט מיט זיך אַליין, איז

אויסגעוואַקסען אַנ׳אַלזייטיגער פערקעהר, אַנ׳אַלזייטיגע אָבהענגיגקייט פון די פעלקער צווישען זיך. און דאָס אייגענע, וואָס אין דער מאַטעריעלער, קומט-פאָר אויך אין דער גייסטיגער פראָדוקציע. די גייסטיגע שאַפונגען פון איינצעלנע פעלקער ווערען דאָס אייגענטום פון אַלע. די נאַציאָנאַלע איינזייטיגקייט און בעגרענעצטקייט ווערט אַלץ מעהר און מעהר אונמעגליך, און פון דער גרויסער צאָהל נאַציאָנאַלע און לאָקאַלע ליטעראַטורען בילדעט זיך איין וועלט-ליטעראַטור.

דורך דער גיכער פערבעסערונג פון אַלע פראָדוקציע-מיטלען און דורך דער אונגעהויערער פערלייכטערונג פון דער קאָמוניקאַציע ציהט די בורזשואַזיע אַריין אין דער ציוויליזאַציע אויך די באַרבאַ-רישע פעלקער. די צוגענגליכע פרייזען פון איהרע סחורות זענען די שווערע אַרטילעריע, מיט וועלכער זי צעשמעטערט אַלע כינעזי-שע מויערען, מיט וועלכער זי צווינגט צו קאַפּיטולירען דעם באַרבאַרישען עקשנות׳דיגען האַס צו די פרעמדע. זי צווינגט אַלע נאַציעס איבערצונעהמען די פראָדוקציע-פאָרם פון דער בורזשואַזער פראָדוקציע, אויב זיי ווילען נישט אונטערגעהן; זי צווינגט זיי איינצופיהרען ביי זיך די אַזוי-גערופענע ציוויליזאַציע, ד. ה. צו ווערען בורזשואַס. מיט איין וואָרט — זי שאַפט זיך אַ וועלט לויט איהר אייגענער געשטאַלט.

די בורזשואַזיע האָט אונטערגעוואָרפען דאָס לאַנד דער הער שאַפט פון דער שטאָדט. זי האָט אויסגעבויט אונגעהויערע שטעדט זי האָט די צאָהל פון די שטאָדטישע איינוואוינער געוואַלדיג פער גרעסערט אין פערגלייך מיט דער בעפעלקערונג פון לאַנד. און אַזויערנאָך אַ בעדייטענדען טייל פון דער בעפעלקערונג אַרויסגעע-ריסען פונ׳ם טעמפּען לעבען אויפ׳ן לאַנד. און אַזוי ווי זי האָט אָבהענגיג-געמאַכט דאָס לאַנד פון דער שטאָדט, האָט זי אויך אָבהענגיג-געמאַכט די באַרבאַרישע און האַלב-באַרבאַרישע לענדער פון די ציוויליזירטע, די פויערים-פעלקער פון די בורזשואַזע, דעם מזרח פונ׳ם מערב.

די בורזשואַזיע בעזייטיגט אַלץ מעהר די צעשפּליטערונג פון די פּראַדוקציע-מיטלען, פונ׳ם פערמעגען און פון דער בעפעלקערונג.

זי האָט די בעפעלקערונג אַגלאָמערירט, די פּראָדוקציאָנס-מיטלען צענטראַליזירט און דאָס אייגענטום קאָנצענטרירט אין עטליכע הענד. דער נויטווענדיגער רעזולטאַט דערפון איז געווען די פּאָליטישע צענטראַליזאַציע. אונאָבהענגיגע, כמעט נאָר פערבונדעטע פּראָווינצען מיט פערשיעדענע אינטערעסען, געזעצען, רעגירונגען און צאָהל-טאַריפען זענען צוזאַמענגעשטופּט געוואָרען אין די ראהמען פון איין נאַציע, איין רעגירונג, איין געזעץ, איין נאַציאָנאַלער קלאַסען-אינטערעס, און איין אָבצאָהל-ליניע פון אַריין- און אַרויספיהר.

אין איהר קרוב הונדערט-יעהריגער קלאַסען-הערשאַפט האָט די בורזשואַזיע געשאַפען קאָלאָסאַלערע און מעהרערע מאַסען פּראָדוקציע-כוחות, ווי אַלע פערגאַנגענע דורות צוזאַמען. דאָס בעזיעגען די כוחות פון דער נאַטור, דאָס בענוצען זיך מיט מאַשינען, דאָס אָנווענדען כעמישע מיטלען אין דער אינדוסטריע און דער ערד-ווירטשאַפט, דער פערקעהר מיט דאַמף-שיפען און באַהנען, די עלעקטרישע טעלעגראַפען, די עקספּלואַטאַציע פון גאַנצע וועלט-טיילען, די דורכפיהרונג פון אַ שיף-פערקעהר איבער טייכען, די גאַנצע בעפעלקערונגען, וואָס זענען אויסגעוואַקסען אַזוי ווי פון אונטער דער ערד, — אין וועלכען פון די פריהערדיגע יאָהר-הונדערטער האָט מען זיך געקאָנט פאָרשטעלען, אַז אין דער געזעלשאַפטליכער אַרבייט ליעגען בעהאַלטען אַזוי פיעל פּראָדוקטיווע כוחות!

מיר האָבען, הייסט עס, געזעהען: די מיטלען פון דער פּראָדוקציע און פונ'ם פערקעהר, וואָס אויף זייער יסוד איז די בורזשואַזיע אויסגעוואַקסען, זענען געשאַפען געוואָרען אין דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט. ביי אַ געוויסער ענטוויקלונגס-מדרגה פון די דאָזיגע פּראָדוקציע- און פערקעהרס-מיטלען האָבען די פערשטאַרקטע פּראָדוקטיווע כוחות שוין מעהר זיך נישט געלאָזען צופּאַסען צו די בעדינגונגען, אונטער וועלכע די פעאָדאַלע געזעלשאַפט האָט פּראָדוצירט און געהאַנדעלט, צו דער פעאָדאַלער אָרגאַניזאַציע פון לאַנדווירטשאַפט און מאַנופאַקטור, מיט איין וואָרט, די פעאָדאַלע פערהעלטענישען פון אייגענטום. אָנשטאָט מיטצוהעלפען דער ענט-וויקלונג פון דער פּראָדוקציע, האָבען די פערהעלטענישען זי נור

געשטערט. זיי זענען געוואָרען איהרע קייטען. זיי האָבען געמוזט צעריסען ווערען, זיי זענען צוריסען געוואָרען.

אויף זייער אָרט איז געקומען די פרייע קאָנקורענץ מיט דער צו איהר צוגעפּאַסטער געזעלשאַפטליכער און פּאָליטישער אָרדנונג, מיט דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע.

אַנ'עהנליכע בעוועגונג קומט-פאָר פאַר אונזערע אויגען. די בירגערליכע פערהעלטענישען פון דער פּראָדוקציע און פונ'ם פער-קעהר, די בירגערליכע בעציהונגען פון אייגענטום, די גאנצע מאָדערנע בירגערליכע געזעלשאַפט, וואָס האָט געשאַפען אַזעלכע געוואַלדיגע פּראָדוקציע- און פערקעהר-מיטלען, איז געגליכען צו דעם כשוף-מאַכער, וואָס קאָן נישט בעהערשען די אונטערערדישע טייוועלשע כּוחות, וועלכע ער אַליין האָט אַרויסגערופען. די געשיכ-טע פון דער אינדוסטריע און האַנדעל פאַר די לעצטע צעהנדליגער יאָהרען איז נור די געשיכטע פון דעם בונט פון די מאָדערנע פּראָדוקציע-כּוחות געגען די מאָדערנע בעדינגונגען פון דער פּראָ-דוקציע, געגען די בעדינגונגען פון אייגענטום, וועלכע זענען אויך די לעבענס-בעדינגונגען פון דער בורזשואַזיע און איהר הערשאַפט. ס'איז גענוג צו דערמאָהנען די קריזיסען אין האַנדעל, וואָס חזר'ן-זיך-איבער פּעריאָדיש און שטעלען אַלץ מעהר אין געפאַהר די עקזיסטענץ פון דער גאַנצער בירגערליכער געזעלשאַפט. דידאָזיגע האַנדעל'ס-קריזיסען מאַכען אַ תּל נישט בלויז פון אַ גרויסען טייל אויסגעאַרבייטע פּראָדוקטען, נאָר אויך פון די שוין געשאַפענע פּראָדוקטיווע כּוחות. די קריזיסען זענען אַ געזעלשאַפטליכע עפּידעמיע, וואָס אין די פריהערדיגע צייטען וואָלט מען עס געהאַלטען פאַר אַנ'אומגעלומפּערטע זאַך — די עפּידעמיע פון דער איבער-פּראָדוקציע. די געזעלשאַפט פאַלט פּלוצלינג ווידער אַריין אינ'ם צושטאַנד פון צייטווייליגען באַרבאַריזם; זי פיהלט זיך אַזוי ווי ווען אַ הונגער אָדער אַ שווערע מלחמה וואָלטען פון איהם אַוועקגענומען אַלע מיט-לען צום לעבען; די אינדוסטריע און דער האַנדעל זעהען-אויס ווי אָבגעשטאָרבען, און פאַרוואָס איז עס אַלץ? ווייל זי האָט צופיעל צוויליזאַציע, צופיעל לעבענסמיטעל, צופיעל אינדוסטריע, צופיעל

האַנדעל. די פּראָדוקטיווע כּוחות, וואָס זי בעזיצט, קאָנען שוין נישט מעהר העלפען וואַקסען די בירגערליכע בעדינגונגען פון אייגענטום; פערקעהרט, זיי זענען געוואָרען צו געוואַלדיג פאַר די דאָזיגע בעדינגונגען, זיי ווערען פון די בעדינגונגען געשטערט; און ווי נור זיי זענען אָט די שטערונג בייגעקומען, ברענגען זיי אַריין אַנ'אונ־אָרדנונג אין דער גאַנצער בירגערליכער געזעלשאַפט, שטעלען זיי אין געפאַהר די עקזיסטענץ פון גאַנצען בירגערליכען אייגענטום. די בירגערליכע בעדינגונגען זענען געוואָרען צו־ענג, אום צו קאָנען אַריינעהמען די אוצרות, וואָס זיי אַליין האָבען געשאַפען. — ווי־אַזוי קאָן די בורזשואַזיע בייקומען די קריזיסען? פון איין זייט דורך דער געצוואונגענער פערניכטונג פון אַ מאַסע פּראָדוקטיווע כּוחות; פון דער צווייטער זייט דורך דעם, וואָס זי נעהמט־איין נייע מערק און עקספּלואַטירט גרינדליכער די אַלטע מערק. אַלזאָ, ווי־אַזוי? דורכדעם, וואָס זי גרייט־צו אַלזייטיגערע און נאָכמעהר געוואַלטיגערע קריזיסען און מאַכט נאָך וועניגער די מיטלען געגען זיי.

דאָס געוועהר, מיט וועלכען די בורזשואַזיע האָט אַוועקגעלעגט צו דר'ערד דעם פעאָדאַליזם, קעהרט זיך איצט אום געגען דער בורזשואַזיע גופא.

די בורזשואַזיע האָט אָבער נישט בלויז אויסגעשמידט אַליי דאָס געוועהר, וואָס וועט איהר דעם טויט ברענגען; זי האָט אויך די מענשען געשאַפען, וואָס וועלען דאָס דאָזיגע געוועהר געגען איהר אָנשטעלען — די מאָדערנע אַרבייטער, די פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י ע ר־

אין דערזעלביגער מאָס, ווי עס ענטוויקעלט זיך די בורזשואַזיע. ד. ה. דער קאַפּיטאַל, ענטוויקעלט זיך אויך דער פּראָלעטאַריאַט דער קלאַס פון די מאָדערנע אַרבייטער, וועלכע לעבען נור אַזוי לאַנג, ווי זיי בעקומען אַרבייט, און וועלכע בעקומען נור אזוי לאַנג אַרבייט, ווי לאַנג זייער אַרבייט פערמעהרט דעם קאַפּיטאַל. דידאָזיגע אַרבייטער, וועלכע זענען געצוואונגען זיך צו פערקויפען פון שטיק, זענען אַ סחורה אַזוי ווי יעדער אַנדער מסחר־אַרטיקעל, און־דעריבער זענען זיי אויך פונקט אַזוי אונטערגעוואָרפען די אַלע צופעליגקייטען פון דער קאָנקורענץ, די אַלע וואַקלענישען פון מאַרק.

צוליעב׳ן בענוצען זיך מיט מאַשינען און דער צעטיילונג פון דער אַרבייט, האָט די אַרבייט פון די פּראָלעטאַריער פערלוירען עדען זעלבסטשטענדיגען כאַראַקטער און ממילא אויך יעדע צוציהונג. דער אַרבייטער איז געוואָרען אַ בלויזער טייל פון דער מאַשין, פון וועלכען ס׳פאָדערט זיך די פשוט׳סטע, איינפאָרמיגסטע בעוועגונג מיט די הענד, וואָס קאָן זעהר לייכט אויסגעלערנט ווערען. קאָסטען קאָסט דעריבער דער אַרבייטער כמעט נור אַזויפיל, וויפיל ער דאַרף האָבען אויף צו דערהאַלטען דאָס לעבען און אויף צו פלאַנ־צען ווייטער זיין ראַסע. דער פרייז פון אַ סחורה, ס׳הייסט אויך פון דער ארבייט, בעטרעפט אָבער אַזויפיעל, וויעפיעל עס האָט געקאָסט די אויסאַרבייטונג פון דער סחורה. צוזאַמען מיט׳ן ערגערען ווערט פון דער אַרבייט ווערט דעריבער אויך דער לוין קלענער. נאָכמעהר, צוזאַמען דערמיט, ווי עס וואַקסט די מאַשינעריע און די צעטיילונג פון דער אַרבייט, ווערט די מאַסע אַרבייט אַלץ גרעסער, צי דורכדעם, וואָס די אַרבייטס־שעה׳ן ווערען פערמעהרט, אָדער דורכדעם, וואָס עס ווערט געפאָדערט אַ גרעסערער סכום אַרבייט פון אַ בעשטימטער צייט, וואָס דער גאַנג פון די מאַשינען ווערט פערשנעלערט א. אַ. וו.

די מאָדערנע אינדוסטריע האָט פונ׳ם קליינעם וואַרשטאַט פון פאַטריאַרכאַלישען בעל־מלאכה געמאַכט די גרויסע פאַבריק פונ׳ם אינדוסטריעלען קאַפּיטאַליסט. צוזאַמענגעשטופּט אין דער פאַבריק ווערען די אַרבייטער־מאַסען אָרגאַניזירט אויף אַ סאָלדאַטישען אופן. ווי פשוט׳ע אינדוסטריע־סאָלדאַטען ווערען זיי אַוועקגעשטעלט אונ־טער דער השגחה פון אַ פולשטענדיגער היעראַרכיע פון אונטעראָפי־צירען. זיי זענען נישט בלויז קנעכט פונ׳ם בורזשואַזען קלאַס, פון דער בורזשואַזער מלוכה, זיי זענען יעדען טאָג און יעדע שעה פערשקלאַפט פון דער מאשין, פונ׳ם אויפזעהער, און קודם־כל פונ׳ם איינצעלנעם פאַבריקאַנט־בורזשואַ גופא. דערדאָזיגער דעספּאָטיזם פּראָקלאַמירט בפרהסיא, אַז זיין צוועק איז פערדיענען געלד. ער איז דעריבער נאָך קליינליכער און דעריבער האָט מען איהם נאָך מעהר פיינד, דעריבער רופט ער אַרויס נאָך מעהר פערביטערונג.

וואָס ווייניגער געשיקטקייט און כח עס פאָדערט די אַרבייט,

ד. ה. וואָס מעהר עס ענטוויקעלט זיך די מאָדערנע אינדוסטריע, אַלץ מעהר ווערט די אַרבייט פון די מענער אַרויסגעשטופּט דורך דער ארבייט פון ווייבער און קינדער. די געשלעכט- און עלטער-אונטערשיעדען האָבען שוין מעהר פאַר'ן ארבייטער-קלאַס קיין שום געזעלשאַפטליכע בעדייטונג נישט. עס זענען נאָר פאַרהאַן בלויז ווערקצייג, אַרבייטס-אינסטרומענטען, וואָס די קאָסטען זייערע זענען פערשיעדען לויט עלטער און געשלעכט.

ענדיגט זיך די עקספּלואַטאַציע פונ'ם אַרבייטער דורכ'ן פאַבּ־ריקאַנט און ער קריגט שוין מזומן אויסגעצאָהלט זיין לוין, ווערט ער ערשט בעפאַלען פון די אַנדערע טיילען פון דער בורזשואַזיע, פונ'ם הויזווירט, קרעמער, פּראָצענטניק א. אַ. וו.

די ביזהעריגע קליינע מיטעל-קלאַסען, די קליינע אינדוסטריע־לער, סוחרים און מלוה'ס, די בעלי-מלאכות און פּויערים — די דאָזיגע אַלע קלאַסען פאַלען-אַריין אין פּראָלעטאַריאַט, טיילווייז צוליעב דעם, וואָס זייער קליינער קאַפּיטאַל איז ווייניג פאַר אַ גרוי־סער אינדוסטריע און זיי קאָנען נישט אויסהאַלטען די קאָנקורענץ מצד די גרויסע קאַפּיטאַליסטען, און טיילווייז צוליעב דעם, וואָס ביי די נייע פאָרמען פון דער פּראָדוקציע האָט זייער געשיקליכקייט פערלאָרען דעם ווערט. אויף אַזאַ אופן רעקרוטירט זיך דער פּראָ־לעטאריאַט פון אַלע קלאַסען פון דער בעפעלקערונג.

דער פּראָלעטאַריאַט מאַכט-דורך פערשיעדענע מדרגות פון ענטוויקלונג. זיין קאַמף געגען דער בורזשואַזיע הויבט-זיך-אָן גלייך מיט זיין עקזיסטענץ.

תחילת קעמפען איינצעלנע אַרבייטער, שפּעטער די אַרבייטער פון איין פאַבּריק, נאָכדעם די אַרבייטער פון איין צווייג פון דער פּראָדוקציע אין איין אָרט געגען דעם איינצעלנעם בורזשואַ, וואָס עקספּלואַטירט זיי דירעקט. זייערע קלעפּ זענען געווענדעט נישט בלויז געגען די בירגערליכע בעדינגונגען פון דער פּראָדוקציע, נאָר אויך געגען די אנסטרומענטען גופא פון דער פּראָדוקציע; זיי פערניכטען די פרעמדע קאָנקורענץ-סחורות, צעברעכען די מאַ־שינען, צינדען-אונטער די פאַבּריקען — זיי פּרובען זיך צוריק אויסקעמפען די אונטערגעגאַנגענע שטעלונג פון מיטעלאלטערליכען

ארבייטער.

אויף דערדאָזיגער מדרגה זענען די אַרבייטער אַ מאסע, וואָס איז צעשפּרייט איבער'ן גאַנצען לאַנד און איז צווישען זיך צעריסען צוליעב דער קאָנקורענץ. דאָס, וואָס די אַרבייטער האַלטען זיך מאַסענווייז צוזאַמען, איז נאָך נישט קיין רעזולטאַט פון זייער אייגענער פעראייניגונג, נאָר אַ רעזולטאַט פון דער פעראייניגונג פון דער בורזשואַזיע, וועלכע מוז און קאָן נאָך פּאָרלויפיג ברענגען דעם גאַנצען פּראָלעטאַריאַט אין בעוועגונג, כּדי צו דערגרייכען איהרע פּאָליטישע ציעלען. אויף דערדאָזיגער מדרגה בעקעמפען הייסט עס, די פּראָלעטאַריער נישט דירעקט זייערע שונאים, נאָר די שונאים פון זייערע שונאים: די איבערבלייבענישען פון דער אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע, די ערד-בעזיצער, די נישט-אינדוסטריעלע בורזשואַזיע, די קליינבירגער. די גאַנצע היסטאָרישע בעוועגונג איז אַזויערנאָך קאָנצענטרירט אין די הענד פון דער בורזשואַזיע; יעדער נצחון, וואָס ווערט אויף אַזאַ אופן אויסגעקעמפט, איז אַ נצחון פון דער בורזשואַזיע.

מיט דער ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע ווערט אָבער דער פּראָלעטאַריאַט נישט בלויז גרעסער אין צאָהל; ער ווערט צוזאַמענגעשטופּט אין גרעסערע מאַסען, זיין קראַפט וואַקסט, און ער פיהלט זי מעהר. די אינטערעסען, דער חילוק צווישען דער לאַגע אינ'ם פּראָלעטאַריאַט גופא ווערען דורך דער מאַשינען-פּראָדוקציע אַלץ מעהר אויסגעגלייכט; זי פערווישט כּסדר דעם אונטערשיעד אין דער אַרבייט און דריקט כּמעט אומעטום אַראָב דעם לוין צו איין גלייכען נידריגען מצב. די וואַקסענדע קאָנקורענץ פון די בורזשוען צווישען זיך און די האַנדעלס-קריזיסען, וואָס נעהמען זיך דערפון, מאַכען דעם לוין פון די אַרבייטער אַלץ וואַקעלדיגער; די אונאויפהערליכע פערבעסערונגען פון דער מאַשינעריע, וואָס ענטוויקעלט זיך אַלץ גיכער, מאַכט זייער גאַנצע לאַגע אין לעבען אַלץ מעהר נישט-זיכער; די צוזאַמענשטויסען צווישען דעם איינצעלנעם אַרבייטער און דעם איינצעלנעם בורזשוא נעהמען אַלץ מעהר אָן דעם כאַראַקטער פון ציזאַמענשטויסען צווישען צוויי קלאַסען. די אַרבייטער הויבען-אָן דערמיט, וואָס זיי שאַפען קאָאַליציעס

געגען דער בורזשואַזיע; זיי פערבינדען זיך צוזאַמען, כּדי צו דערהאַלטען זייער אַרבייטס-לוין. זיי אָרגאַניזירען אַפּילו פעסטער פעראייניגונגען, כּדי זיך צו פערזאָרגען פאַר דעם פאַל פון אַנ'אַוים-ברוך. ערטערווייז געהט דער קאַמף איבער אזן אַנ'אָפּענעם אויפשטאַנד.

פון צייט צו צייט האַלטען די אַרבייטער אָב אַ נצחון, אָבער נישט אויף לאַנג. דער אייגענטליכער רעזולטאַט פון זייערע קאַמפּען איז נישט דער דירעקטער ערפאָלג, נאָר די פעראייניגונג פון די אַרבייטער, וואָס פערשפּרייט זיך אַלץ מעהר. דערצו העלפען-מיט אויך די וואַקסענדיגע מיטלען פון דער קאָמוניקאַציע, וועלכע ווערען געשאַפען דורך דער גרויסער אינדוסטריע און פערבינדען צווישען זיך די אַרבייטער פון אַלע ערטער. אָט די פערבינדונג איז גענוג, אום עס זאָל פון די מאַסען לאָקאַלע קאַמפען, וואָס האָבען אומעטום דעם אייגענעם כאַראַקטער, זיך קאָנצענטרירען איין נאַציאָנאַלער קאַמף, איין קלאַסען-קאַמף. יעדער קלאַסען-קאַמף איז אָבער אַ פּאָ-ליטישער קאַמף און די פעראייניגונג, וואָס די בירגער פון מיטעלאַלטער מיט זייערע קרומע שטעגעלעך האָבען דערויף געדאַרפט גאַנצע יאָהרהונדערטער, וועלען די מאָדערנע פּראָלעטאַריער מיט די אייזענבאַהנען דורכמאַכען אין עטליכע יאָהר.

דידאָזיגע אָרגאַניזירונג פון די פּראָלעטאַריער, וואָס מאַכט פון זיי אַ גאַנצען קלאַס, און ממילא אויך אַ פּאָליטישע פּאַרטיי-ווערט זעהר אָפט איבערגעריסען דורך דער קאָנקורענץ צווישען די אַרבייטער גופא. זי לעבט אָבער תמיד וויעדער אויף נאָך שטאַרקער, פעסטער, מעכטיגער. אויסנוצענדיג די שפּאַלטונגען צווי-שען די רייהען פון דער בורזשואַזיע, רייסט די אָרגאַניזאַציע אַרויס דערווייל די אָנערקענונג פון איינצעלנע אַרבייטער-אינטערע-סען אין דער פאָרם פון געזעץ. אַזוי איז געוועזען מיט'ן געזעץ וועגען אַ צעהן-שעה'דיגען אַרבייטס-טאָג אין ענגלאַנד.

די צוזאַמענשטויסונגען אין דער אַלטער געזעלשאַפט בכלל ווענען אין פערשיעדענע הינזיכטען גינסטיג פאַר דער ענטוויקלונג פון פּראָלעטאַריאַט. די בורזשואַזיע געפינט זיך כּסדר אינ'ם צו-שטאַנד פון קאַמף: תּחילת געגען דער אַריסטאָקראַטיע; שפּעטער

געגען יענע טיילען פון דער בורזשואַזיע גופא, וואָס זייערע אַינטערעסען זענען געגען דער ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, שטענדיג געגען דער בורזשואַזיע פון אַלע פרעמדע לענדער. ביי דידאָזיגע אַלע קאַמפען איי זי געצוואונגען צו אַפעלירען צום פראָלעטאַריאַט, אָנצוקומען צו זיין הילף און צוציערנאָך איהם אַריינצוציהען אין דער פּאָליטישער בעוועגונג. זי גופא גיט אַלזאָ צו דעם פראָלעטאַריאַט די עלעמענטען פון איהר אייגענער ענט-וויקלונג, ד. ה. זי מאַכט פון איהם אַ געוועהר געגען זיך גופא.

ווי מיר האָבען געזעהן, ווערען חוץ דעם, דורך דער ענט-וויקלונג פון דער אינדוסטריע, גאַנצע גרופּעס פון די הערשענדיגע קלאַסען אַראָב. געשליידערט אינ'ם פראָלעטאַריאַט אָדער וועניג-סטענס שטעהען זיי אין דער סכנה, צו פערלירען די קוועלען פון זייערע הכנסות. זיי גיבען אויך צו דעם פראָלעטאַריאט אַ מאַסע בילדונגס-עלעמענטען.

לסוף נאָך, ווען דער קלאַסען-קאַמף דערנעהנטערט זיך צו דער ענטשיידונג, ווערט די צעפּוילטקייט צווישען די הערשענדיגע קלאַסען, צווישען דער גאַנצער אַלטער געזעלשאַפט, אַזוי בולט און שאַרף, אַז אַ קליינער טייל פון די הערשענדיגע קלאַסען זאָגט זיך אינגאנצען אָב פון זיי און שטעהען צו צום רעוואָלוציאָנערען קלאַס, צו דעם קלאַס וועלכער טראָגט, די צוקונפט איז זייערע הענד. אזוי דעריבער ווי פריהער איז א טייל פון דער אריסטאָקראַ-טיע איבערגעגאַנגען צו דער בורזשואזיע, אזוי געהט איצט א טייל פון דער בורזשואזיע איבער צום פראָלעטאריאט, און נעמליך דער טייל פו די בורזשוי-אידעאָלאָגען, וועלכע האָבען זיך שוין ארויפ-געארבייט צום פערשטעהען טעאָרעטיש די גאנצע היסטאָרישע בעוועגונג.

פון אלע קלאסען, וועלכע שטעהען ביי היינטיגען טאָג געגען דער בורזשואזיע, איז נאָר דער פראָלעטאריאט א ווירקליך-רעוואָ-לוציאָנערער קלאס. די איבעריגע קלאסען ווערען אויסגעדארט און נעהען אונטער צוזאמען מיט דער ענטוויקלונג פון דער גרויסער אינדוסטריע, דער פראָלעטאריאט איז איהר אייגענסטער פראָדוקט. די מיטעל-קלאסען, דער קליינער אינדוסטריעלער, דער

סוחר, דער בעל־מלאכה, דער פויער — זיי אַלע בעקעמפען די בורזשואַזיע, כדי צו ראַטעווען זייער עקזיסטענץ אַלס מיטעל־קלאַס. זיי זענען, הייסט עס, נישט רעוואָלוציאָנער, נאָר קאָנסערוואַטיוו. נאָכמעהר, זיי זענען רעאַקציאָנער, וואָרים זיי ווילען צוריק דרעהען דאָס ראָד פון דער געשיכטע. אויב זיי זענען רעוולוציאָנער, זענען זיי עס דערפאַר, וואָס זיי ווייסען, אַז זיי מוזען איבערגעהן אינ'ם פראָלעטאַריאַט, זיי פערטיידיגען עס נישט זייערע איצטיגע, נאָר זייערע קומענדיגע אינטערעסען, זיי פערלאָזען עס זייער אייגענעם שטאַנדפונקט, כדי צו שטעלען זיך אויפ'ן שטאַנדפונקט פונ'ם פראָלעטאַריאַט.—

דער לומפען־פראָלעטאַריאַט — דאָסדאָזיגע פאַסיווע פסולת פון די אונטערשטע שיכטען פון דער אלטער געזעלשאַפט — ווערט דורך אַ פראָלעטאַרישע רעוואָלוציע שוין ערטערווייז אריינגעשליי־דערט אין דער בעוועגונג; לויט זיין גאַנצער לאַגע וועט ער אָבער שטענדיג געניוגט זיין, זיך צו לאָזען פערקויפען פאר פערשיעדענע רעאַקציאָנערע אוואַנטורעס.

די לעבענס־בעדינגונגען פון דער אַלטער געזעלשאַפט זענען שוין פערניכטעט אין די לעבענס־בעדינגונגען פונ'ם פראָלעטאַריאַט. דער פראָלעטאַריאַט האָט נישט קיין אייגענטום; זיין בעציהונג צום ווייב און קינד האָט נישט מעהר קיין שום שייכות מיט'ן בירגער־ליכען פאַמיליען־לעבען; די מאָדערנע אינדוסטריעלע ארבייט, די מאָדערנע פערשקלאַפונג אונטער'ן קאַפּיטאַל, דיזעלביגע אין ענג־לאַנד ווי אין פראַנקרייך, אין אַמעריקאַ ווי אין דייטשלאַנד, האָט פון איהם אָבגעמעקט יעדען נאַציאָנאַלען כאַראַקטער. געזעצען, מאָראַל, רעליגיע — פאַר איהם זענען עס בירגערליכע אָבגעלעבטע בעגריפען, הינטער וועלכע ס'זענען בעהאַלטען פערשיעדענע ביר־גערליכע אינטערעסען.

אַלע פריהערדיגע קלאַסען, וועלכע האָבען געהאַט פערכאַפּט די מאַכט, פלעגען זעהן צו פערזיכערען זייער ערוואָרבענע לאגע דורכדעם, וואָס זיי פלעגען אָנוואַרפען דער גאַנצער געזעלשאַפט אַזעלכע בעדינגונגען, וועלכע האָבען זיי געלוינט צו זייערע פער־דיענסטען. די פראָלעטאַריער דאַרפען וועלען נור דעמאָלס קאָנען

אַריינגעהמען אין ייערע הענד די פּראָדוקטיווע כוחות פון דער געזעלשאַפט, ווען זיי וועלען אָבשאַפען זייער ביזהעריגען אופן פון פערדינסט און ממילא אויך דעם גאַנצען ביזהעריגער אופן פון פערדינסט בכלל. די פּראָלעטאַריער האָבען גאָרנישט זייערס וואָס צו פערזיכערען, זיי דאַרפען צושטערען אַלע ביזהעריגע פּריוואַט-זיכערהייטען און פּריוואַט-פערזיכערונגען.

אַלע ביזהעריגע בעוועגונגען זענען געווען בעוועגונגען פון מינדערהייטען אָדער אין די אינטערעסען פון מינדערהייטען. די פּראָלעטאַרישע בעוועגונג איז די זעלבסטשטענדיגע בעוועגונג פון דער אונגעהויערער מעהרהייט אין די אינטערעסען פון דער אונגעהויערער מעהרהייט. דער פּראָלעטאַריאַט, דער אונטערשטער שיכט פון דער איצטיגער געזעלשאַפט, קאָן זיך נישט דערהויבען, קאָן נישט אויפגעריכט ווערען, כל-זמן עס וועט נישט אויפגעריסען ווערען אין-דער-לופטען דער גאַנצער אויפבוי פון די שיכטען, וואָס שטעלען-פאָר מיט זיך די אָפיציעלע געזעלשאַפט.

הגם נישט לויט'ן אינהאַלט, איז אָבער לויט דער פאָרם, דער קאַמף פונ'ם פּראָלעטאַריאַט געגען דער בורזשואַזיע לכתחילה אַ נאַציאָנאַלער. דער פּראָרעטאַריאַט פון יעדען לאַנד מוז, פערשטעהט-זיך, קודם-כל פאַרטיג ווערען מיט זיין אייגענער בורזשואַזיע.

אָנצייכנענדיג די אַלגעמיינסטע פאַזען אין דער ענטוויקלונג פונ'ם פּראָלעטאַריאַט, זענען מיר נאָכגעגאַנגען דעם מעהר אָדער וועניגער בעהאַלטענעם בירגער-קריעג אין דער איצטיגער געזעלשאַפט ביז צו דעם פּונקט, וואו ער געהט-איבער אין אַנ'אָפענער רעוואָלוציע, און דער פּראָלעטאַריאַט בעפעסטיגט זיין הערשאַפט, אַראָבוואַרפענדיג מיט גוואַלט די בורזשואַזיע.

יעדע ביזהעריגע געזעלשאַפט האָט, ווי מיר האָבען שוין געזעהען, זיך געשטיצט אויף דעם געגענזאַץ צווישען אונטערדריקער און אונטערדריקטע קלאַסען. כדי אָבער צו קאָנען אונטערדריקען אַ קלאַס, האָט מען איהם געמוזט זיכערען אַזעלכע בעדינגונגען, וואָס זאָלען איהם געבען לפחות די מעגליכקייט צו דערהאַלטען זיין קנעכטישע עקזיסטענץ. דער לייב-קנעכט האָט זיך דערשלאָגען צו ווערען אַ מיטגליעד אין דער קאָמונע פון דער לייבקנעכטשאַפט,

אַזוי ווי דער קליינבירגער האָט זיך דערשלאָגען צו ווערען אַ בור־זשואַ אונטער'ן יאָך פונ'ם פעאָדאַליסטישען אַבסאָלוטיזם. דער מאָדערנער אַרבייטער דאַגעגען זינקט אַלץ טיעפער און ניעדריגער אַראָב אונטער די בעדינגונגען פון זיין אייגענעם קלאַס, אָנשטאָט זיך אויפצוהויבען צוזאַמען מיט'ן פראָגרעס פון דער אינדוסטריע. דער אַרבייטער ווערט אַ קבצן, און די קבצנות ענטוויקעלט זיך שנעלער, איידער די בעפעלקערונג און דאָס רייכטום. דאָס בעווייזט קלאָר, אַז די בורזשואַזיע איז נישט פעהיג צו בלייבען ווייטער דער הערשענדיגער קלאַס פון דער געזעלשאַפט און צו דיקטירען דער גאַנצער געזעלשאַפט די לעבענס־בעדינגונגען פון איהר קלאַס אַלס נאָרמע, אַלס געזעץ. זי איז ווישט פעהיג צו הערשען, ווייל זי איז נישט פעהיג צו זיכערען די עקזיסטענץ פון איהרע שקלאַפען גופא אין די ראַהמען פון זייער שקלאַפעריי, ווייל זי איז געצוואונגען זיי אַראָבצושטופען ביז אַזאַ לאַגע, אַז זי מוז זיי ער־נעהרען, אָנשטאָט דעם, וואָס זי זאָל פון זיי ערנעהרט ווערען. די געזעלשאַפט קאָן מעהר אונטער איהר נישט לעבען, ד. ה. איהר לעבען לאָזט זיך מעהר נישט אײנשטימען מיט'ן קיום פון דער געזעלשאַפט.

די אייגענטליכע בעדינגונגען פאַר דער עקזיסטענץ און פאַר דער הערשאַפט פונ'ם בורזשואַזען קלאַס איז, אַז דאָס רייכטום זאָל אָנגעזאַמעלט ווערען אין פריוואַטע הענד, אַז דער קאַפּיטאַל זאָל וואַקסען און זיך פערגרעסערען; די בעדינגונג פונ'ם קאַפּיטאַל איז די לוין־אַרבייט. די לוין־אַרבייט שטיצט זיך אויסשליסליך אויף דער קאָנקורענץ פון די אַרבייטער צווישען זיך. דער פּראָגרעס פון דער אינדוסטריע, וואָס די בורזשואַזיע טראָגט איהם אויף איהרע פּלייצעס אָהן אַ ווילען און אָהן ווידערשטאַנד, רוקט־אַרויס אָנשטאָט דער אָבגעזונדערטקייט פון די אַרבייטער, וואָס קומט מחמת דער קאָנקורענץ, זייער רעוואָלוציאָנערע פעראייניגונג דורך חברות און אָרגאַניזאַציעס. מיט דער ענטוויקלונג פון דער גרויסער אינדוסטריע ווערט אַלזאָ אַוועקגענומען פון אונטער די פיס פון דער בורזשואַזיע דער באָדען גופא אויף וועלכען זי פּראָדוצירט און נעהמט־צו די פּראָדוקטען פאַר זיך. זי פּראָדוצירט קודם־כל איהר אייגענעם קברן.

איהר אינטערגאַנג און דער נצחון פונ'ם פּראָלעטאַריאַט זענען ביידע גלייך אונפערמיידליך.

---

.II

## פּראָלעטאַריער און קאָמוניסטען.

אין וועלכער בעציהונג שטעהען די קאָמוניסטען צו די פּראָלעטאַריער בכלל?

געגענאיבער די אַנדערע אַרבייטער-פּאַרטייען זענען די קאָמוניסטען נישט קיין בעזונדערע פּאַרטיי.

זיי האָבען נישט קיין אַנדערע אינטערעסען, ווי די אינטערעסען פונ'ם גאַנצען פּראָלעטאַריאַט.

זיי שטעלען נישט אַרויס קיין בעזונדערע פּרינציפּען, לויט וועלכע זיי וואָלטען וועלען מאָדעלירען די פּראָלעטאַרישע בעוועגונג.

די קאָמוניסטען אונטערשיידען זיך פון די איבעריגע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען פון איין זייט דערמיט, וואָס זיי רוקען-אַרויס אין די נאַציאָנאַלע קאַמפּען פון די פּראָלעטאַריער די געמיינזאַמע אינטערעסען פונ'ם גאַנצען פּראָלעטאַריאַט, אָהן אונטערשיעד פון נאַציאָנאַליטעט, און קעמפען פאר זיי, און פון דער צווייטער זייט דערמיט, וואָס אין די פערשיעדענע ענטוויקלונגס - מדרגות פונ'ם קאַמף צווישען פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע פערטרעטען זיי שטענדיג די אינטערעסען פון דער אַלגעמיינער בעוועגונג.

פּראַקטיש זענען אַלזאָ די קאָמוניסטען דער ענטשלאָסענסטער טייל פון די אַרבייטער-פּאַרטייען פון אַלע לענדער, וואָס טרייבט זיי אַלץ ווייטער און ווייטער פאָרויס; טעאָרעטיש ווידער האָבען זיי די מעלה געגען די איבעריגע מאַסען פונ'ם פּראָלעטאַריאַט, וואָס זיי אָריענטירען זיך אין די בעדינגונגען, אינ'ם גאַנג און אין די אַלגעמיינע רעזולטאַטען פון דער פּראָלעטאַרישער בעוועגונג.

דער נאָהענטסטער צוועק פון די קאָמוניסטען איז דער איינ-

ציגער, ווי דער פון אַלע איבעריגע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען: אויסצובילדען פונ׳ם פּראלעטאַריאַט אַנ׳אָרגאַניזירטען קלאַס, אַראָפּ־וואַרפען די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע און פערכאַפּען די פּאָליטישע מאַכט.

די טעאָרעטישע געדאַנקען פון די קאָמוניסטען שטיצען זיך בשום־אופן נישט אויף די אידעען און פּרינציפּען, וואָס זענען ערפינדען אָדער ענטדעקט געוואָרען דורך דעם אָדער יענעם אי־דעאַליסט, וועלכער וויל אויסבעסערען די וועלט.

זיי זענען נור אַלגעמיינע אויסדריקען פון די ממשותדיגע בעציהונגען, וואָס הערשען אין דעם פּאַקטישען קלאַסען־קאַמף,—אין דער היסטאָרישער בעוועגונג, וואָס קומט־פאָר פאַר אונזערע אויגען. דאָס אָבשאַפען די ביזהעריגע בעדינגונגען פון אייגענטום איז נישט בעזונדער כאַראַקטעריסטיש פאַר׳ן קאָמוניזם.

אַלע בעציהונגען פון אייגענטום האָבען זיך היסטאָריש שטענדיג געביטען, זענען אַלעמאָל געווען אונטערגעוואָרפען היסטאָרישע ענדערונגען.

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, למשל, האָט אָבגעשאַפט דאָס פעאָדאַלע אייגענטום לטובת דעם בירגערליכען.

וואָס עס כאַראַקטעריזירט ספּעציעל דעם קאָמוניזם, איז נישט די אָבשאַפונג פון אייגענטום בכלל, נאָר די אָבשאַפונג פון בירגער־ליכען אייגענטום.

דאָס מאָדערנע בירגערליכע פּריוואַט־אייגענטום איז אָבער דער לעצטער און פולסטער אויסדרוק פון דעם אופן פון אויסאַרבייטען און פערכאַפּען די פּראָדוקטען, וואָס שטיצט זיך אויף די געגענ־זאצען צווישען קלאַסען, אויף דער עקספּלואַטאַציע פון איין קלאַס דורכ׳ן צווייטען.

אינ׳ם דאָזיגען זין קאָנען די קאָמוניסטען אויסדריקען זייער טעאָריע אין דעם איינעם זאַץ: אָבשאַפען דאָס פּריוואַט־אייגענטום.

מ׳האָט אונז, קאָמוניסטען, פאָרגעוואָרפען, אַז מיר ווילען אָבשאַפען דאָס אייגענטום, וואָס דער מענש ערווערבט זיך אַליין, וואָס ער אַרבייט זיך אַליין אויס,—דאָס אייגענטום, וואָס איז דער יסוד פון יעדער פּערזענליכער פרייהייט פון יעדער טעטיגקייט

און זעלבסטשטענדיגקייט.

פערהאָרעוועט, ערוואָרבען, אַליין פערדיענט אייגענטום! רעדט איהר פון דעם קליינבירגערליכען, קליינפויערליכען אייגענטום, וואָס האָט עקזיסטירט פאַר׳ן בירגערליכען אייגענטום? מיר ברויכען עס נישט אָבצושאַפען, דאָס איז שוין אָבגעשאַפט געוואָרען און ווערט מיט יעדען טאָג ווייטער אָבגעשאפט דורך דער ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע.

אָדער רעדט איהר פון מאָדערנעם בירגערליכען פריוואַט-אייגענטום?

צי שאַפט דען אָבער די לוין-אַרבייט, די אַרבייט פונ׳ם פראָלעטאַריער איהם אייגענטום? לחלוטין נישט. זי שאַפט דעם קאַפּיטאַל, ד. ה. דאָס אייגענטום, וואָס ער עקספּלואַטירט די לוין-אַרבייט און וואָס קאָן זיך פערגרעסערן נור אונטער דער בעדינגונג, אַז עס זאָל שאַפען נייע לוין-אַרבייט, כדי זי ווידער צו עקספּלואַטירען. דאָס אייגענטום אין זיין היינטיגער געשטאַלט בעוועגט זיך אין דעם געגענזאַץ צווישען קאַפּיטאַל און לוין-אַרבייט. לאָ׳מיר בעטראַכטען די ביידע זייטען פון דעמדאָזיגען געגענזאַץ.

זיין אַ קאַפּיטאַליסט, הייסט האָבען נישט בלויז אַ ריין פערזענליכע, נאָר אַ געזעלשאַפטליכע שיכות צו דער פּראָדוקציע. דער קאַפּיטאל איז אַ קאָלעקטיווער פּראָדוקט, וואָס קאָן געבראַכט ווערען אין בעוועגונג נור דורך א געמיינזאַמער טעטיגקייט פון אַ סך מיטגליעדער,—יאָ, סוף-כל-סוף נור דורך דער געמיינזאַמער טעטיגקייט פון אַלע מיטגליעדער פון דער געזעלשאַפט.

דער קאַפּיטאַל איז אַלזאָ נישט קיין פערזענליכע, נאָר אַ געזעלשאַפטליכע מאַכט.

דעריבער, ווען דער קאַפּיטאַל ווערט אַ שותפות-אייגענטום פון אַלע מיטגליעדער פון דער געזעשאַפט, הייסט עס נישט, אַז פערזענליך אייגענטום איז איבערגעגאַנגען צו דער געזעלשאפט. נאָר דער געזעלשאַפטליכער כאַראַקטער פון אייגענטום האָט זיך דאָ געענדערט. עס האָט פערלאָרען זיין קלאַסען-כאַראַקטער.

לאָ׳מיר איבערגעהן צו דער לוין-אַרבייט:

דער דורכשניטליכער פּרייז פון לוין-אַרבייט איז דער מינימום

פון אַרבייטס-לוין, ד. ה. די סומע פון לעבענס-מיטלען, וואָס איז נויטיג, אום דעם ארבייטער אַלס אַרבייטער צו דערהאַלטעןביים לעבען. דאָס, וואָס דער לוין-אַרבייטער פערדיענט, קלעקט, הייסט עס, נור אויף אַזוי-פיעל, אַז ער זאָל קאָנען זיין נאקעט לע־בען ווידער שאַפען. דאָסדאָזיגע פערזענליכע אייגענטום פון די אַרבייטס-פּראָדוקטען אויף צו קאָנען ווייטער שאַפען דאָס אונמיטעל־באַרע לעבען — דאָס אייגענטום, וואָס ברענגט נישט קיין ריינע הכנסה און גיט נישט קיין מאַכט איבער פרעמדע אַרבייט — ווילען מיר לחלוטין נישט אָבשאַפען. מיר ווילען נור אָבשאַפען דעם גע־מיינעם כאַראַקטער פון אייגענטום, ביי וועלכען דער אַרבייטער לעבט נור אום צו פערגרעסערען דעם קאַפּיטאַל, און לעבט נור אויף אַזוי-פיעל, אויף-וויפיעל דאָס פאָדערען די אינטערעסען פון די הערשענדע קלאַסען.

אין דער בירגערליכער געזעלשאַפט איז די אַרבייט פונ'ם לעבעדיגען מענשען נור אַ מיטעל, צו פערמעהרען די אָנגעקליבענע אַרבייט. אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט איז די אָנגעזאַמעלטע אַרבייט נור אַ מיטעל, כדי ברייטער, פרייער און פולער צו מאַכען דעם לעבענס-פּראָצעס פון די אַרבייטער.

איז דער בירגערליכער געזעלשאַפט הערשט די פערגאַנגענ־הייט איבער דער געגענוואַרט; אין דער קאָמוניסטישער—די געגענ־וואַרט איבער דער פערגאַנגענהייט. אין דער בירגערליכער געזעל־שאַפט איז דער קאַפּיטאַל זעלבסטשטענדיג און פערזענליך, בעת דאָס טעטיגע אינדיווידואום איז נישט-זעלבסטשטענדיג און נישט-פערזענליך.

און דאָס אָבשאַפען דידאָזיגע פערהעלטענישען הייסט ביי דער בורזשואַזיע אָבשאַפען די פערזענליכקייט און פרייהייט, און זי האָט רעכט. עס האַנדעלט-זיך ווירקליך וועגען אָבשאַפען די בורזשואַ-פערזענליכקייט, די בורזשואַ-זעלבסטשטענדיגקייט און די בורזשואַ-פרייהייט.

ביי די איצטיגע בירגערליכע פּראָדוקציע - פערהעלטענישען פערשטעהט מען אונטער'ן בעגריף פרייהייט די פרייהייט פון האַנדעל, די פרייהייט פון קויף און פערקויף.

פאַלט אָבער דאָס שאַכערייַ בכלל, פאַלט שוין ממילא אויך

דאָס פרייע שאַכער. די רעדערייען וועגען פרייען שאַכער, אַזוי ווי אַלע איבעריגע קנאַקענדיגע פראַזען פון אונזער בורזשואַזיע וועגען פרייהייט, האָבען בכלל אַ זין נור אין פערגלייך מיט'ן געבונדענעם שאַכער און מיט'ן פערשקלאַפטען בירגער פון מיטעלאַלטער, אָבער נישט ווען עס רעדט-זיך וועגען דער קאָמוניסטישער אָבשאַפונג פונ'ם גאַנצען שאַכער, פון די בירגערליכע פּראָדוקציע-בעציהונגען און פון דער בורזשואַזיע גופא.

איהר ווערט פערציטערט דערפון, וואָס מיר ווילען אָבשאַפען דאָס פּריוואַט-אייגענטום. אין אייער איצטיגער געזעלשאַפט איז אָבער דאָס פּריוואַט-אייגענטום פאַר ניין צעהנטעל פון איהרע מיטגליעדער אָבגעשאַפט; דאָס פּריוואַט-אייגענטום עקזיסטירט טאַקי דערפאַר, ווייל פאַר ניין צעהנטעל עקזיסטירט עס נישט. איהר וואַרפט אונז, הייסט עס, פאָר, אַז מיר ווילען אָבשאַפען אַזאַ מין אייגענטום, וואָס זיין נויטווענדיגסטע בעדינגונג איז, דאָס די אונגעהויערע מעהרהייט פון דער געזעלשאַפט זאָל איהם נישט האבען.

מיט איין וואָרט—איהר וואַרפט אונז פאָר, אַז מיר ווילען אַייער אייגענטום אָבשאַפען. אונבעדינגט, דאָס ווילען מיר.

פון דעם מאָמענט אָן, זאָגט איהר, ווען די אַרבייט וועט נישט קאָנען מעהר פערוואַנדעלט ווערען אין קאַפּיטאַל, אין געלד, אין ערד-רענטעס, קורץ אין אַזאַ געזעלשאַפטליכער מאַכט, וואָס זאָל קאָנען מאָנאָפּאָליזירט ווערען, ד. ה. פון דעם מאָמענט אָן, ווען דאָס פּערזענליכע אייגענטום וועט נישט קאָנען מעהר ווערען קיין בירגערליך אייגענטום, — פון דעם מאָמענט אָן, זאָגט איהר ווערט אָבגעשאַפט די פּערזאָן.

איהר זענט, הייסט עס, מודה, אַז אונטער'ן בעגריף פּערזאָן מיינט איהר נישט קיין אַנדערען, ווי דעם בורזשואַ, דעם בירגערליכען אייגענטימער. און אָט די דאָזיגע פּערזאָן זאָל טאַקי אונבעדינגט אָבגעשאַפט ווערען.

דער קאָמוניזם נעהמט ביי קיינעם נישט אַוועק די מאַכט, זיך צוצונעהמען געזעלשאַפטליכע פּראָדוקטען, ער וויל נור נישט דערלאָזען, אַז דורך דעמדאָזיגען צונעהמען זאָל מען פערשקלאַפען פרעמדע אַרבייט.

מ'האָט גע'טענה'ט, אַז מיט דער אָבשאַפונג פון פּריוואַט-איי-גענטום וועלען מענשען בכּלל אויפהערען צו אַרבייטען און די וועלט וועט אריינפאַלען אין אַנ'אַלגעמיינער פוילקייט.

אָבער אויב אַזוי, וואָלט די בירגערליכע געזעלשאַפט שוין לאַנג געהאַט אונטערגעגאַנגען צוליעב דער פוילקייט; וואָרום די פון דער געזעלשאַפט, וואָס אַרבייטען, — ערווערבען גאָרנישט, און די וואס ערווערבען, אַרבייטען נישט. די גאַנצע מורא לאָזט זיך איבערזאָגען אין דעם זאַץ: וויבאַלד עס וועט נישט זיין קיין קאַפּיטאַל, וועט נישט זיין קיין לוין-אַרבייט.

אַלע טענות געגען דער קאָמוניסטישער פאָרם פון אייגענטום און פּראָדוקציע בנוגע צו מאַטעריעלע פּראָדוקטען זענען אויך איבערגעטראָגען געוואָרען אויף דעם אייגענטום פון דער פּראָדוקציע פון גייסטיגע פּראָדוקטען. אַזוי ווי אָבצושאַפען דאָס קלאַסען-אייגענטום הייסט ביים בורזשואַ אָבצושאַפען די פּראָדוקציע גופא, אַזוי איז פאַר איהם אָבצושאַפען די קלאַסען-בילדונג, גלייך ווי אָבצושאַפען די בילדונג בכּלל.

די בילדונג, וואָס איהר בעדויערט אַזוי איהר אונטערגאַנג, הייסט פאַר דער גוואַלטיגסטער מעהרהייט, די אויסבילדונג צו ווערען אַ מאַשין.

אָבער פּאָלעמיזירט נישט מיט אונז, ווען איהר מעסט די אָב-שאַפונג פון בירגערליכען אייגענטום מיט אייערע בירגערליכע פאָרשטעלונגען פון פרייהייט, בילדונג, רעכט א. אַ. וו. אייערע אי-דעען גופא זענען אַ פּראָדוקט פון די בירגערליכע פערהעלטענישען פון פּראָדוקציע און אייגענטום, אַזוי ווי אייער רעכט איז נור דער ווילען פון אייער קלאַס, וואָס איהר מאַכט דערפון אַ געזעץ, —דער ווילען, וואָס זיין אינהאַלט ווערט דיקטירט דורך די מאַטעריעלע לעבענס-בעדינגונגען פון אייער קלאַס.

איהר האָט דיזעלבע פעראינטערעסירטע פאָרשטעלונג, וואָס עס האָבען געהאַט אַלע אונטערגעגאנגענע הערשענדיגע קלאַסען, ווען איהר רעדט-זיך-איין, אַז אייערע פערהעלטענישען פון פּראָ-דוקציע און אייגענטום, וועלכע שטאמען פון היסטאָרישע סיבות און זענען אין משך פון דער פּראָדוקציע נור צייטווייליג, — ווען איהר

רעדט-זיך-אַיין, אַז דאָס זענען אייביגע געזעצען פון דער נאַטור און דעם פערשטאַנד. וואָס איהר פערשטעהט פון אייגענטום אין די אַלטע צייטען, וואָס איהר פערשטעהט פון פעאָדאַלען אייגענטום, קאָנט איהר נישט פערשטעהן, ווען עס רעדט זיך וועגען בירגערליכען אייגענטום. —

אָבשאַפען די פאַמיליע! אַפילו די ראַדיקאַלסטע האָבען זיך אָנגעצונדען איבער דערדאָזיגער שענדליכער שטרעבונג פון די קאָמוניסטען.

אויף וואָס שטיצט זיך ביי היינטיגען טאָג די בירגערליכע פאַמיליע? אויפ׳ן קאַפּיטאַל, אויפ׳ן פּריוואַטען פערדינסט. אין אַ פולשטענדיגענטוויקעלטער פאָרם עקזיסטירט זי נור פאַר דער בורזשואַזיע; צוזאַמען מיט איהר געהט אָבער די געצוואונגענע פאמיליענלאָזיגקייט פון די פּראָלעטאַריער און די עפענטליכע פּראָסטיטוציע.

דאָס פאַמיליען-לעבען פון די בורזשועס וועט נאַטירליך אַוועקפאַלען צוזאַמען מיט׳ן אַוועקפאַלען פון דיביידע ערשיינונגען, און די ביידע ערשיינונגען וועלען פערשוואונדען ווערען צוזאַמען מיט דער פערשווינדונג פונ׳ם קאַפּיטאַל.

איהר האָט צו אונז טענות דערפאַר, וואָס מיר ווילען אָבשאַפען די עקספּלואַטאַציע פון די קינדער דורך זייערע עלטערן? אין דעמדאָזיגען חטא זענען מיר זיך אָפען מודה.

אָבער, זאָגט איהר, מיר פערניכטען די צערטליכסטע געפילען דערמיט, וואָס אָנשטאָט דער הויזליכער ערציהונג ווילען מיר שאַפען אַ געזעלשאַפטליכע. און איז דען נישט אויך אַייער ערציהונג בעשטימט דורך דער געזעלשאַפט? דורך די געזעלשאַפטליכע בעדינגונגען, אונטער וועלכע איהר ערציהט, דורך דער דירעקטער אָדער אינדירעקטער אריינמישונג פון דער געזעלשאַפט, דורך דער שול א. א. וו.? די ווירקונג פון דער געזעלשאַפט אויף דער ערציהונג איז נישט קיין ערפינדונג פון די קאָמוניסטען; זיי האָבען נור פערענדערט איהר כאַראַקטער, זיי ווילען אַרויסרייסען די בעציהונג פון דעם אַיינפלוס פונ׳ם הערשענדען קלאַס.

די בירגערליכע רעדערייען וועגען פאַמיליע און ערציהונג, וועגען די צערטליכע געפיהלען צווישען עלטערן און קינדער

רופען ארויס אַלץ אַ גרעסערען עקעל, וואָס מעהר די ענטוויקלונג פון דער גרויסער אינדוסטריע האָט צעריסען פאַר׳ן פּראָלעטאַריער אַלע פאַמיליען-פעדים און געמאַכט פון די קינדער פשוט׳ע מסחר-אַרטיקלען און אַרבייטס-אינסטרומענטען.

אָבער איהר, קאָמוניסטען, ווילט אַיינפיהרען שותּפות׳דיגע ווייבער פאַר אַלע—שרייט די גאַנצע בורזשואַזיע אין איין קול.

דער בורזשואַ זעהט אין זיין פרוי בלויז אַן׳אינסטרומענט פון דער פּראָדוקציע. ער הערט רעדען וועגען דעם, אַז אַלע אינסטרומענטען פון דער פּראָדוקציע דאַרפען בענוצט ווערען פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, און ער קאָן זיך נאַטירליך נישט אַנדערש פאָרשטעלען, נור אַז דער גורל פון געמיינשאַפטליכקייט וועט פאַלען אויך אויף די ווייבער.

איהם קאָן גאָרנישט איינפאַלען, אַז דאָ האַנדעלט זיך טאַקע וועגען דעם, אָבצושאַפען דעם צושטאַנד, ביי וועלכען די פרוי איז אַ בלויזער פּראָדוקציע-אינסטרומענט.

איבריגענס קאָן נישט זיין עפּעס לעכערליכערעס, ווי די הויך-מאָראַלישע ציטערניש פון אונזערע בורזשועס איבער דער כלומר׳שטער אָפיציעלער אַלגעמיינער ווייבער-שותּפות פון די קאָמוניסטען. די קאָמוניסטען דאַרפען די ווייבער-שותּפות נישט איינפיהרען זי האָט כּמעט שטענדיג עקזיסטירט.

אונזערע בורזשועס איז וועניג, וואָס זיי האָבען אין זייער רשות די ווייבער און טעכטער פון זייערע פּראָלעטאַריער (שוין נישט צו רעדען וועגען דער עפענטליכער פּראָסטיטוציע); זיי געפינען אַ בעזונדער פערגעניגען דערין, וואָס זיי פערפיהרען איינע ביי די אַנדערע די פרויען.

דאָס בירגערליכע פאַמיליען-לעבען איז אין עצם די אַלגעמיינע שותּפות פון די פרויען. העכסטענס קאָן מען די קאָמוניסטען פאָרוואַרפען, אַז אָנשטאָט דער צביעות׳דיג-בעהאַלטענער, ווילען זיי אַיינפיהרען אַן׳אָפיציעלע, אָפענהאַרציגע ווייבער-שותּפות. ס׳פערשטעהט-זיך איבעריגענס אַליין, אַז צוזאַמען דערמיט, ווי עס וועלען אָבגעשאַפט ווערען די איצטיגע פּראָדוקציע-פערהעלטענישען, וועט אויך פערשוואונדען ווערען די מיט זיי פערבונדענע ווייבער-שותּפות,

**ד. ה. די אָפּיציעלע און נישט-אָפּיציעלע פּראָסטיטוציע.**

גענען די קאָמוניסטען ווערט אויך אַרויסגעשטעלט די טענה, אַז זיי ווילען אָבשאַפען דאָס פאָטערלאַנד, די נאַציאָנאַליטעט.

די אַרבייטער האָבען נישט קיין פאָטערלאַנד. מ'קאָן פון זיי נישט אַוועקנעהמען דאָס, וואָס זיי האָבען נישט. דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס מוז קודם-כל פערכאַפען די פּאָליטישע הערשאַפט, זיך אויפהויבען ביז צו דער מדרגה פון אַ נאַציאָנאַלען קלאַס, זיך גופא קאָנסטיטואירען אַלס נאַציע, איז נאָך לעת-עתה אליין נאַציאָנאַל, הגם כלל נישט אינ'ם זין פון דער בורזשואַזיע.

די נאַציאָנאַלע אָבגעזונדערטקייט און די געגענזאַצען צווישען די פעלקער פערשווינדען שוין אַזוי אויך אַלץ מעהר צוזאַמען מיט דער ענטוויקלונג פון דער בורזשואַזיע, מיט דער האַנדעלס-פרייהייט, מיט'ן וועלט-מאַרק, מיט דער גלייכפאָרמיגקייט פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע און פון די לעבענס-פערהעלטנישען, וואָס זענען צו איהר צוגעפּאַסט.

ביי דער הערשאַפט פונ'ם פּראָלעטאַריאַט וועלען זיי נאָך מעהר פערשוואונדען ווערען. אַ פעראייניגטע אַקציע, לפחות פון די ציוויליזירע לענדער, איז איינע פון די ערשטע בעדינגונגען פאַר זיין בעפרייאונג.

אין דער מאָס, ווי עס ועט אָבגעשאַפט ווערען די עקספּלואַטאַציע פון איין מענשען דורכ'ן צווייטען, וועט אויך אָבגעשאַפט ווערען די עקספּלואַטאַציע פון איין נאַציע דורך דער אַנדערער.

די פיינדליכע שטעלונג פון איין נאַציע געגען דער צווייטער וועט אויפהערען צוזאַמען דערמיט, ווי עס וועלען אָבגעשאַפט ווערען די געגענזאַצען צווישען די קלאַסען אין דער נאַציע גופא.

די טענות געגען קאָמוניזם, וואָס ווערען בכלל אַרויסגעשטעלט פון רעליגיעזע, פילאָזאָפישע און אידעאָלאָגישע שטאַנדפּונקטען, פערדיענען נישט, מ'זאָל זיך אויף זיי אויספיהרליך אָבשטעלען.

צי דאַרף מען עס אַזאַ טיעפען פערשטאַנד, אום צו בעגרייפען, אַז צוזאַמען דערמיט, ווי ס'וועלען זיך ענדערן די לעבענס-פערהעלטנישען פון זייערע געזעלשאַפטליכע בעציהונגען, זייער געזעלשאַפטליכע עקזיסטענץ, וועלען זיך ענדערן אויך זייערע פאָרשטע-

לונגען, אָנשויאונגען און בעגריפען, מיט איין וואָרט — אויך זייער בעוואוסטזיין ?

וואָס דען אַנדערש בעווייזט די געשיכטע פון די אידעען,אויב נישט דאָס, אַז די גייסטיגע פּראָדוקציע ענדערט זיך צוזאַמען מיט דער מאַטעריעלער ? די הערשענדע אידעען פון יעדער צייט זענען שטענדיג געווען די אידעען פון די הערשענדע קלאַסען.

מען רעדט פון אידעען, וואָס רעוואָלוציאָניזירען אַ גאַנצע גע-זעלשאַפט; דערמיט ווערט אויסגעדריקט נור דער פאַקט, אַז אין דער אַלטער געזעלשאַפט האָבען זיך שוין געבילדעט די עלעמענטען פון דער נייער, אַז גלייכצייטיג מיט'ן צעפאַלען זיך פון די אַלטע לע-בענס-בעדינגונגען צעפאַלען זיך אויך די אַלטע אידעען.

ווען די וועלט האָט געהאַלטען ביים אונטערגעהן, זענען די אַלטע רעליגיעס בעזיעגט געוואָרען דורכ'ן קריסטענטום. ווען די אויפקלערונגס-אידעען אינ'ם 18-טען יאָהרהונדערט האָבען בעזיעגט די קריסטליכע אידעען, האָט די פעאָדאַלע געזעלשאַפט געפיהרט איהר טויט-קאַמף מיט דער דעמאָלדיגער רעוואָלוציאָנערער בורשזו-אַזיע. די אידעען וועגען פרייהייט פון געוויסען און פרייהייט פון רעליגיע האָבען נור אויסגעדריקט די הערשאַפט פון דער פרייער קאָנקורענץ אויפ'ן געביעט פון וויסענשאַפט.

„אָבער,—וועט מען זאָגען,—די רעליגיעזע, מאָראַלישע, פילאָזאָ-פישע, פּאָליטישע, רעכטליכע און אַנדערע אידעען האָבען זיך טאַקי געענדערט אין פערלויף פון דער היסטאָרישער ענטוויקלונג. די רע-ליגיע, די מאָראַל, די פילאָזאָפיע, די פּאָליטיק, דאָס רעכט זענען אָבער אין די דאָזיגע ענדערונגען דאָך געבליבען.

„חוץ-דעם זענען פאַרהאַן אייביגע אמת'ען, ווי פרייהייט, גע-רעכטיגקייט א. א. וו., וועלכע זענען גלייך טייער פאַר יעדער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג. דער קאָמוניזם אָבער שאַפט-אָב די אייביגע אמת'ען, ער שאַפט-אָב די רעליגיע, די מאָראַל, אָנשטאָט די אַנדערש צו פאָרמירען, ער געהט אַלזאָ געגען אַלע ביזהעריגע היסטאָרישע ענטוויקלונגען".

וואָס בלייבט פון דער דאָזיגער טענה? די געשיכטע פון דער גאַנצער ביזהעריגער געזעלשאַפט האָט זיך בעוואויגען אין די קלאַ-

סען-געגענזאַצען, וואָס האָבען אין די פערשיעדענע עפּאָכעס אָנגע-נומען פערשיעדענע פאָרמען.

וואָס פאַר אַ פאָרם זיי זאָלען אָבער נישט האָבען אָנגענומען, איין פאַקט בלייבט גלייך פאַר אַלע פערגאַנגענע יאָהרהונדערטער: די עקספּלואַטאַציע פון איין טייל פון דער געזעלשאַפט דורכ'ן צווייטען. ס'איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס דאָס געזעלשאַפטליכע בעוואוסטזיין פון אַלע יאָהרהונדערטער האָט נישט-קוקענדיג אויף אַלע ענדערונגען און איבערקעהרענישען, זיך דאָך בעוואויגען אין געוויסע געמיינזאַמע פאָרמען,—אין די פאָרמען פון בעוואוסטזיין, וועלכע וועלען לחלוטין פערשוואונדען ווערען ערשט צוזאַמען דערמיט, ווי עס וועלען לחלוטין פערשוואונדען ווערען די קלאַסען-געגענזאַצען.

די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע איז דער ראַדיקאַלסטער איבער-בראָך בנוגע צו די איבערגענומענע אייגענטום-פערהעלטנישען. ס'איז קיין וואונדער נישט, אַז אינ'ם גאַנג פון איהר ענטוויקלונג ווערען אויך די איבערגענומענע אידעען אַם ראַדיקאַלסטען איינגעבראָכען.

אָבער—לאָ'מיר לאָזען די טענות פון דער בורזשואַזיע געגען קאָמוניזם.

מיר האָבען שוין אויבען געזעהען, אַז דער ערשטער שריט אין דער אַרבייטער-רעוואָלוציע איז די אויפהויבונג פונ'ם פּראָלעטאַ-ריאַט צו דער מדרגה פון אַ הערשענדיגען קלאַס, דאָס אויסקעמפען פון דער דעמאָקראַטיע.

דער פּראָלעטאַריאַט וועט זיין פּאָליטישע הערשאַפט אויסנוצען אין דער ריכטונג, וואָס ער וועט אַלץ מעהר און מעהר אַרויסריי-סען דעם קאַפּיטאַל פון די הענד פון דער בורזשואַזיע און אַלע פּראָ-דוקציע-מיטלען איבערגעבען אין די הענד פון דער מלוכה (ד. ה. צענטראַליזירען אין די הענד פונ'ם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער וועט זיין אָרגאַניזירט אַלס הערשענדער קלאַס) און וואָס גיכער פער-גרעסערען די מאַסע פון די פּראָדוקטיווע כחות.

ס'פערשטעהט זיך, אַז די ערשטע צייט קאָן עס געשעהען נור דורך אַ דעספּאָטישער אַריינמישונג אין די אייגענטומס-רעכט און אין די בירגערליכע פּראָדוקציע-פערהעלטנישען, ד. ה. דורך אַזעל-כע מיטלען, וואָס עקאָנאָמיש זעהען זיי אויס נישט-גענוגענד און

נישט־זיכער. אין משך פון דער בעוועגונג וועלען אָבער די דאָזיגע מיטלען זיך גופא איבערוואַקסען, און אַלס שריט פאָרויס צו דער איבערקעהרעניש אין׳ם גאַנצען אופן פון דער פראָדוקציע זענען זיי אונפערמיידליך.

די דאָזיגע מיטלען וועלען נאַטירליך זיין פערשידען לויט די פערשידענע לענדער.

פאַר די ציוויליזירטע לענדער קאָנען אין אַלגעמיינע שטרי־כען אָנגעצייכענט ווערען די פאָלגענדע מיטלען:

1. עקספּראָפּריאירען דאָס ערד־אייגענטום און פערווענדען די הכנסה פון דער ערד אויף די הוצאות פון דער מלוכה.
2. איינפיהרען אַ שטאַרקען פראָגרעסיווען שטייער.
3. אָבשאַפען דאָס ירושה־רעכט.
4. קאָנפיסקירען דאָס אייגענטום פון אַלע עמיגראַנטען און רעוואָלוציאָנערען.
5. צענטראַליזירען דעם קרעדיט אין די הענד פון דער מלוכה דורך אַ נאַציאָנאַל־באַנק מיט אַ מלוכה־קאפּיטאַל און אַ׳נאויס־שליסליכען מאָנאָפּאָל.
6. צענטראַליזירען דאָס טראַנספּאָרט־וועזען אין די הענד פון דער מלוכה.
7. פערגרעסערען די צאָהל פון די נאַציאָנאַלע פאַבריקען, פערמעהרען די מיטלען פון דער פראָדוקציע, עקספּלואַ־טירען די ערד און פערבעסערן איהר פראָדוקציע לויט אַ קאָלעקטיווען פּלאַן.
8. איינפיהרען אַ גלייכען אַרבייטס־צוואַנג פאַר אַלע, שאַפען אינ־דוסטריעלע אַרמעען, בעזונדערס פאַר דער לאַנדווירטשאַפט.
9. פעראייניגען די ערד־אַרבייט מיט דער אינדוסטריע, ווירקען כסדר צו בעזייטיגען דעם אונטערשיעד צווישען שטאָדט און דאָרף.
10. עפענטליכע אומזיסע ערציהונג פאַר אַלע קינדער. אָבשאַפען די פאַבריק־אַרבייט פון קינדער אין איהר איצטיגער פאָרם. פעראיי־ניגען די ערציהונג מיט דער מאַטעריעלער פראָדוקציע א. א. וו.

ווען די קלאַסען־אונטערשיעדען וועלען אין משך פון דער

ענטוויקלונג פערשוואונדען ווערען און די גאַנצע פּראָדוקציע וועט זיין קאָנצענטרירט אין די הענד פון די אַסאָציאירטע אינדיווידוען, —וועט די עפענטליכע מאַכט פערלירען איהר פּאָליטישען כאַראַקטער. די פּאָליטישע מאַכט, אין אייגענטליכען זין, איז די אָרגאַניזירטע מאַכט פון איין קלאַס צו קאָנען אונטערדריקען דעם צווייטען. אין זיין קאַמף געגען דער בורזשואַזיע מוז דער פּראָלעטאַריאַט זיך פעראייניגען אַלס אַ קלאַס, מוז זיך דורך אַ רעוואָלוציע דערשלאָגען צו ווערען דער הערשענדער קלאַס און אַלס אַזעלכער מיט געוואַלט־מיטלען אָבשאַפען די אַלטע פּראָדוקציע־פערהעלטענישען. צוזאַמען אָבער דערמיט, ווי ער שאַפט־אָב די דאָזיגע פּראָדוקציע־פערהעלטענישען, ווערען שוין ממילא אָבגעשאַפט די עקזיסטענץ־בעדינגונגען פונ׳ם געגענזאַץ צווישען די קלאַסען, ווערען שוין אָבגעשאַפט די קלאַסען בכלל און דערמיט אויך זיין אייגענע הערשאַפט אַלס קלאַס.

אָנשטאָט דער אַלטער בירגערליכער געזעלשאַפט מיט איהרע קלאַסען און קלאַסען־אַנטאַגאָניזמען וואַקסט־אויס אַ פעראייניגונג, אין וועלכער די פרייע ענטוויקלונג פון יעדען יחיד איז די בעדינגונג פאַר דער פרייער ענטוויקלונג פונ׳ם כלל.

---

III.

# סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע ליטעראַטור.

## 1. דער רעאַקציאָנערער סאָציאַליזם.

### א) דער פעאָדאַלער סאָציאַליזם.

די פראַנצויזישע און ענגלישע אַריסטאָקראַטיע איז לויט איהר היסטאָרישער שטעלונג געווען צוגעפּאַסט דערצו, זי זאָל שרייבען פּאַמפלעטען געגען דער מאָדערנער בירגערליכער געזעלשאַפט. אין דער פראַנצויזישער יולי־רעוואָלוציע פונ׳ם יאָהר 1830 און אין דער ענגלישער רעפאָרם־בעוועגונג איז די אַריסטאָקראַטיע נאָכאַמאָל בעזיעגט געוואָרען פונ׳ם פערהאַסטען אויפגעקומענעם גביר. קעגען אַנ׳ערנסטען פּאָליטישען קאַמף האָט מעהר קיין רייד נישט געקאָנט

זיין. געבליבען איז איהר בלויז דער ליטעראַרישער קאַמף. אָבער אויך איפ'ן געביעט פון דער ליטעראַטור איז שוין אונמעגליך געווען זיך צו בענוצען מיט די אַלטע רעדערייען פון דער צייט פון דער רעסטאַווראַציע. כדי אַרויסצורופען צו זיך סימפּאַטיע, האָט די אַריס־טאָקראַטיע געמוזט לפּנים פערשווייגען איהרע אייגענע אינטערעסען און פאָרמולירען איהר בעשולדיגונגס־אַקט געגען דער בורזשואַזיע אין דעם זין, וואָס זי עקספּלואַטירט די אינטערעסען פונ'ם אַרבייטער־קלאַס. אויף אַזאַ אופן האָט זי זיך פערשאַפט דאָס פערגניגען, צו שרייבען שפּאָט־ליעדער געגען איהרע נייע הערשער און זיי איינ־צורוימען אין די אויערען מעהר אָדער ווייניגער טרויעריגע נביאות'ען וועגען דעם, וואָס זיי שטעהט־פאָר אין דער צוקונפט.

אַזוי איז ענטשטאַנען דער פעאָדאַלער סאָציאַליזם: האַלב קלאָג־ליעד, האַלב פּאַסקוויל, האַלב אָבקלאַנג פון דער פערגאַנגענהייט און האַלב שווערע התראה אויף דער צוקונפט. אָפטמאָל איז די בורזשואַזיע דערביי שאַרף געטראָפען געוואָרען דורך אַ ביטערען געדאַנק, וואָס האָט מיט אַ גייסטרייכען אַנאַליז זי פער'משפט צום אונטערגעהן; דאָס האָט אָבער אַלעמאָל געמאַכט אַ קאָמישען איינ־דרוק, ווייל אין די דאָזיגע געדאַנקען האָט זיך אַרויסגעוויזען די גאַנצע אונפעהיגקייט פון זייערע מחברים צו בעגרייפען דעם גאַנג פון דער מאָדערנער געשיכטע.

זיי האָבען גענומען די פּראָלעטאַרישע טאָרבע פאַר אַ פאָהן אין די הענד, כדי דערמיט צו פערזאַמלען אַרום זיך דאָס פאָלק. וויפיעל מאָל דאָס פאָלק האָט אָבער געפרובט נאָך זיי נאָכגעהן, פלעגט עס דערזעהען ביי זיי הינטער די פלייצעס דעם אַלטען פעאָדאַלען הערב און זיך פונאַנדערלויפען מיט אַ שרייענדיגען, נישט־דרך־ארצ־דיגען געלעכטער.

א טייל פון די פראַנצויזישע לעגיטימיסטען און דאָס יונגע ענגלאַנד האָבען דעם דאָזיגען ספּעקטאַקל אַמבעסטען אויסגעפיהרט.

ווען די פעאָדאַלען בעווייזען, אַז דער אופן, ווי אַזוי זיי האָבען עקספּלואַטירט, איז געווען נישט אַזוי, ווי ס'איז די בירגערליכע עקספּלואַטאַציע, פערגעסען זיי, אַז זיי האָבען עקספּלואַטירט אונטער גאַנץ אַנדערע, איצט שוין אָבגעלעבטע אומשטענדען און בעדינגונגען,

ווען זיי בעווייזען, אַז אונטער זייער הערשאַפט האָט דער איצטיגער פּראָלעטאַריאַט נישט עקזיסטירט, פערגעסען זיי, אז דוקא די מאָדערנע בורזשואַזיע איז געווען אַ נויטווענדיגער רעזולטאַט פון זייער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג.

איבריגענס בעהאַלטען זיי אַזוי וועניג דעם רעאַקציאָנערען כאַראַקטער פון זייער קריטיק, אַז זייער הויפּט-בעשולדיגונג געגען דער בורזשואַזיע בעשטעהט דערין, וואָס אונטער איהר הערשאַפט ענטוויקעלט זיך אַזאַ קלאַס, וועלכער וויל אויפרייסען אין דער-לופ-טען די גאַנצע אַלטע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג.

זיי האָבען מעהר טענות צו דער בורזשואַזיע פאַר דעם, וואָס זי האָט געשאַפען אַ רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט, איידער פאַר דעם, וואָס זי האָט בכלל געשאַפען אַ פּראָלעטאַריאַט.

אין דער פּאָליטישער פּראַקטיק בעטייליגען זיי זיך דעריבער אין אַלע געוואַלט-מיטלען געגען דעם אַרבייטער-קלאַס, און אינ׳ם געוועהנליכען לעבען רעכנען זיי זיך אויך גאַנץ וועניג מיט זייערע אָנגעבלאָזענע מליצות: זיי זענען שטענדיג גרייט צו כאַפּען אַ פּעטען ביסען און אויסצובייטען זייער טרייהייט, ליעבע און עה-רע אויפ׳ן שאכער מיט וואָל, צוקער אָדער שנאַפּס.

אַזוי ווי דער גלח געהט שטענדיג האַנד ביי האַנד מיט׳ן פּעאָ-דאַל, אַזוי געהט דער גלח׳ישער סאָציאַליזם שטענדיג צוזאַמען מיט׳ן פּעאָדאַליסטישען.

ס׳איז נישטאָ קיין לייכטערע זאַך, ווי צוצוגעבען דעם קריסט-ליכען אַסקעטיזם אַ סאָציאַליסטישע פאַרב. איז דען דאָס קריסטענטום נישט אַרויסגעטרעטען געגען פּריוואַט-אייגענטום, געגען חתונה-האָבען און געגען דער מלוכה? האָט עס נישט געפּרעדיגט אָנשטאָט דעם בעסער צו זיין בּאַרמהערציג און צו בעטלען, נישט צו האָבען קיינמאָל קיין בעריהרונג מיט אַ פרוי און אָבצוטויטען אין זיך דאָס קערפּערליכע, צו לעבען אין הייהלען און צו היטען נור די קירך? דער קריסטליכער סאָציאַליזם איז נור דאָס הייליגע וואַסער, מיט וועלכען די גלחים בעשפּריצען דעם גרימצאָרן פון די אַריסטאָ-קראַטען.

ב) דער קליינבירגערליכער סאָציאַליזם.

די פעאָדאַלע אַריסטאָקראַטיע איז נישט דער איינציגער קלאַס, וואָס איז איינגעבראָכען געוואָרען דורך דער בורשזואַזיע, וואָס זיינע לעבענס-בעדינגונגען זענען אין דער איצטיגער בירגערליכער געזעלשאַפט געוואָרען טרויעריגע און גוסס׳דיגע. די שוץ-בירגער פון מיטעלאַלטער און די קליין-פויערים זענען געוועזן די אָנזאָגער פון דער איצטיגער בורשזואַזיע. אין די לענדער, וואו די אינדוסטריע און דער האַנדעל זענען ווייניג ענטוויקעלט, פיהרען נאָך ווי ס׳איז די קלאַסען אַ חושכ׳דיג לעבען נעבען דער אויפקומענדיגער בורשזואַזיע.

אין די לענדער, וואו עס האָט זיך ענטוויקעלט די מאָדערנע ציוויליזאַציע, האָט זיך געשאַפען אַ נייע קליינבירגערשאַפט, וואָס שוועבט צווישען דעם פּראָלעטאַריאַט און דער בורשזואַזיע און בילדעט זיך כסדר פון דאָס-ניי אַלס צוגאָב צו דער בירגערלכער געזעלשאַפט. די מיטגליעדער פון דער דאָזיגער גרופּע ווערען אָבער דורך דער קאָנקורענץ סיסטעמאַטיש אַריינגעשליידערט אינ׳ם פּראָלעטאַריאַט; זיי זעהען זאָגאַר די צייט, וואָס דערנעהנטערט זיך צוזאַמען מיט דער ענטוויקלונג פון דער גרויסער אינדוסטריע, —די צייט, ווען זיי וועלען אינגאַנצען פערשווינדען ווערען אַלס זעלבשטענדיגער טייל פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט און זייער אָרט אין האַנדעל, אין דער מאַנופאַקטור און אין דער לאַנדווירטשאַפט וועט פערנומען ווערען פון אַרבייט-אויפהעצער און משרתים.

אין די לענדער ווי פראַנקרייך, וואו די פויערים מאַכען-אויס מעהר ווי אַ העלפט פון דער בעפעלקערונג, איז עס געוועזן גאַנץ נאַטירליך אַז שריפטשטעלער, וואָס האָבען זיך אָנגענומען פאַר׳ן פּראָלעטאַריאַט און זענען אַרויסגעטרעטען געגען דער בורשזואַזיע, האָבען אין זייער קריטיק געגען דעם בורשזואַזען רעשזים זיך געשטעלט אויפ׳ן שטאַנדפּונקט פון קליינבירגערטום און קליינפויערנטום און האָבען די אַרבייטער-פּאַרטיי אויך אויפגעפּאַסט פונ׳ם דאָזיגען שטאַנדפּונקט. אַזוי האָט זיך געשאַפען דער קליינבירגערליכער סאָציאַליזם. סימאָנסי איז דער קאָפּ פון דער דאָזיגער ליטעראַטור נישט בלויז פאַר פראַנקרייך, נור אויך פאַר ענגלאַנד.

דער דאָזיגער סאָציאַליזם צעגלידערט גאַנץ שאַרפזיניג די סתירות אין די מאָדערנע פּראָדוקציע - פּערהעלטענישען ער דעקט אויף די צביעות'דיג-צוגעפּאַרבטע בילדער פון די עקאָנאָמיסטען. ער ווייזט קלאָר אויף די צושטערענדיגע ווירקונג פון דער מאַשינען-פּראָדוקציע און פון דער אַרבייטס-צעטיילונג, די קאָנצענטראַציע פון די קאַפּיטאַלען און פון ערד-אייגענטום, די איבער - פּראָדוקציע, די קריזיסען, דאָס אונבעדינגטע אונטערגעהן פון די קליינבירגער און פויערים, די נויט פון'ם פּראָלעטאַריאַט, די אַנאַרכיע אין דער פּראָדוקציע, די שרייענדע אונגערעכטיגקייט אין דער פערטיילונג פון'ם רייכטום, דעם אינדוסטריעלען פערניכטונגס - קריעג פון די נאַציעס צווישען זיך און דאָס אָבשטאַרבען פון די אַלטע מנהגים, אַלטע פאַמיליען-בעציהונגען און אַלטע נאַציאָנאַליטעטען.

לויט זיין פּאָזיטיווען אינהאַלט וויל אָבער דער סאָציאַליזם איינס פון דיביידע: אָדער אויפלעבען צוריק די אַלטע פּראָדוקציע און פערקעהר-מיטלען און מיט זיי אויך די אַלטע אייגענטום - פערהעלטנישען און די אַלטע געזעלשאַפט, אָדער איבער-גוואַלט איינפּאַסען די נייע פּראָדוקציע און פערקעהר-מיטלען אין די ראַהמען פון די אַלטע אייגענטום-פערהעלטנישען, וועלכע זיי האָבען פערניכטעט און מוזען פערניכטען. אין ביידע פאַלען איז ער גלייכצייטיג אי רעאַקציאָנער, אי אוטאָפּיסטיש.

צעכען אין דער מאַנופאַקטור און פּאַטריאַרכאַלישע ווירטשאַפט אינ'ם דאָרף—דאָס איז זיין לעצט וואָרט.

אין איהר ווייטערדיגער ענטוויקלונג איז פון דער דאָזיגער סאָציאַליסטישער ריכטונג געבליבען נור אַ פּחדנות'דיגער קאצעניאָמער.

ג) דער דייטשער אָדער דער „אמת'ער" סאָציאַליזם.

די סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע ליטעראַטור פון פראַנקרייך, וואָס איז געשאַפען געוואָרען אונטער'ן דרוק פון א הערשענדער בורשזואַזיע און איז געווען דער ליטעראַרישער אויסדרוק פון'ם קאַמף געגען דער דאָזיגער הערשאַפט,—איז איבערגעטראָגען געוואָרען קיין דייטשלאַנד אין יענער צייט, ווען די בורשזואַזיע האָט נור וואָס אָנגעהויבען דעם קאַמף געגען פעאָדאַלען אַבסאָלוטיזם.

דייטשע פילאָזאָפען, האַלב-פילאָזאָפען און שען-גייסטער האָבען זיך מיט חשק אַרויפגעוואָרפען אויף דער דאָזיגער ליטעראַטור און האָבען נור פערגעסען, אַז אַריבערגעוואַנדערט פון פראַנקרייך קיין דייטשלאנד האָבען בלויז די ווערק אַליין און נישט די פראַנצויזישע לעבענס-בעדינגונגען. לגבי די דייטשע פערהעלטנישען האָט די פראַנצויזישע ליטעראַטור אינגאַנצען פערלוירען יעדען פראַקטישען ווערט און האָט בעקומען אַ ריין-ליטעראַרישען כאַראַקטער. זי האָט געמוזט בעקומען אַ פּנים פון גלאַט אַ מין פילאָזאָפירען וועגען דער פערווירקליכונג פונ'ם מענשליכען מהות. אַזוי האָבען פאַר די דייטשע פילאָזאָפען פונ'ם 18-טען יאָהרהונדערט די פאָדערונגען פון דער ערשטער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אויך געהאַט נור דעם זין, וואָס זיי זענען בכלל געווען פאָדערונגען פון פראַקטישען פערשטאַנד, און די אויסדרוקען פונ'ם ווילען פון דער רעוואָלוציאָנערער פראַנצויזישער בורשזואַזיע זענען אין זייערע אויגען געווען געזעצען פון רייגעם ווילען, פונ'ם ווילען, ווי ער מוז זיין, פונ'ם אמת-מענשליכען ווילען.

די אויסשליסליכע אַרבייט פון די דייטשע ליטעראַטען איז בעשטאַנען אין דעם, צו ברענגען די נייע פראַנצויזישע אידעען אין הסכם מיט זייער אַלטען פילאָזאָפישען געוויסען, אָדער ריכטיגער: איבערצונעהמען די פראַנצויזישע אידעען פאַר זיך און זיי צו בעאַרבייטען פון זייער אייגענעם פילאָזאָפישען שטאַנדפונקט.

דאָסדאָזיגע איבערנעהמען איז פאָרגעקומען אויפ'ן זעלבען אופן, אויף וועלכען עס קומט בכלל פאָר דאָס איבערנעהמען אַ פרעמדע שפראַך דורך דער איבערזעצונג.

ס'איז בעקאַנט, ווי-אַזוי די מאָנאַכען פלעגען איבערשרייבען מאַנוסקריפּטען, אויף וועלכע עס זענען געווען אויפגעצייכענט קלאַסישע ווערק פון דער געצענדיענערישער צייט, און מאַכען דערפון נאַרישע מעשות פון קאַטוילישע קדושים. די דייטשע ליטעראַטען זענען זיך מיט דער וועלטליכער פראַנצויזישער ליטעראַטור בעגאַנגען אַנדערש: זיי האָבען זייערע פילאָזאָפישע נאַרישקייטען אויפגעשריבען הינטער דעם פראַנצויזישען אָריגינאַל. הינטער דער פראַנצויזישער קריטיק, למשל, פון די געלד-פערהעלטענישען האָבען זיי

געשריבען „נישט-אויסדרוק פונ׳ם מענשליכען וועזען“, הינטער דער פראַנצויזישער קריטיק פון דער בורשזואַזער מלוכה האָבען זיי געשריבען „אָבשאַפונג פון דער הערשאַפט פונ׳ם אַבסטראַקט - אַלגע- מיינעם“ א. א. וו.

די פראַנצויזישע סאָציאַליסטיש-קאָמוניסטישע ליטעראַטור איז אַזוי ערנאָך לחלוטין אויסגעטריקענט געוואָרען. און אַזוי ווי אין די הענד פון די דייטשען האָט זי אויפגעהערט אויסצודריקען דעם קאַמף פון איין קלאַס געגען צווייטען, האָבען זיי זיך איינגערעדט, אַז זיי האָבען בייגעקומען די „פראַנצויזישע איינזייטיגקייט,“ אַז אָנשטאָט אמת׳ע בעדערפעניסען פערטרעטען זיי די בעדערפעניסען פון אמת, אָנשטאָט די אינטערעסען פונ׳ם פראָלעטאַריאַט — די אינ- טערעסען פונ׳ם מענשליכען וועזען, פונ׳ם מענשען בכלל, — פונ׳ם מענשען, וואָס געהערט נישט צו קיין קלאַס, וואָס עקזיסטירט אי- בערהויפט נישט אין דער ווירקליכקייט, נאָר אינ׳ם וואָלקענדיגען הימעל פון דער פילאָזאָפישער פאַנטאַזיע.

דער דאָזיגער דייטשער סאָציאַליזם, וואָס האָט אַזוי ערנסט און פייערליך גענומען זיינע אונבעהאָלפענע שול - איבונגען און זיי מיט אַזעלכע גאַסען-געשרייען פונאַנדערגעפויקט, — האָט דאָך ביס- לעכווייז פערלוירען זיין פעדאַנטישע תמימות.

דער קאַמף פון דער דייטשער, בעזונדערס פון דער פרייסישער בורשזואַזיע געגען די פעאָדאַלען און געגען דער אַבסאָלוטער קעניג- ליכער מאַכט, קורץ: די ליבעראַלע בעוועגונג האָט אָנגענומען אַ ערנסטען כאַראַקטער.

דער „אמת׳ער“ סאָציאַליזם האָט אויף אַזאַ אופן בעקומען אַ גינסטיגע געלעגענהייט, אַנטקעגענצושטעלען דער פאָליטישער בעוועגונג זיינע סאָציאַליסטישע פאָדערונגען, אריינצולעגען אין חרם דעם ליבעראַליזם, די פאַרלאַמענטאַרישע מלוכה, די בירגערליכע קאָנקורענץ, די בירגערליכע פרעסע-פרייהייט, דאָס בירגערליכע רעכט, די בירגערליכע גלייכהייט און פרייהייט, און צו ערקלערען די פאָלקס- מאַסען, אַז פון דער בירגערליכער בעוועגונג וועלען זיי נישט בלויז גאָרנישט פערדינען, נאָר אויך נאָך פערלירען. דער דייטשער סאָציאַליזם האָט גראָד פערגעסען, אַז פראַנצויזישע קריטיק, וואָס

ער איז געווען איהר גייסטיגער ווידער־קול האָט גערעדט וועגען דער מאָדערנער בירגערליכער געזעלשאַפט נור אין צוזאַמענהאַנג מיט די געהעריגע מאַטעריעלע לעבענס־בעדינגונגען און דער צוגע־פּאַסטער פּאָליטישער קאָנסטיטוציע,—אַלץ זאַכען, וואָס אין דייטשלאַנד האָט מען עס ערשט געדאַרפט אויסקעמפען.

די דייטשע אַבסאָלוטע רעגירונגען מיט זייער סוויטע פון גלחים, שול־לעהרער, קרויט־יונקערס און ביוראָקראַטען האָבען דעם סאָציאַליזם אויסגענוצט, ווי אַ בעקוועהם מיטעל אָבצושרעקען די געפעהרליך אויפקומענדיגע בורשזואַזיע.

ער איז געוואָרען דער צוקערדיגער צוגאָב צו די נאַהייקעס און קילען, מיט וועלכע דיזעלביגע רעגירונגען האָבען „בעאַרבייט“ די אויפשטאַנדען פון די דייטשע אַרבייטער.

דער „אמת'ער“ סאָציאַליזם איז געוואָרען אַ געוועהר אין די הענד פון די רעגירונגען געגען דער דייטשער בורשזואַזיע, גלייכ־צייטיג האָט ער אָבער אין איין הינזיכט געדיענט דירעקט די רעאַקציאָנערע אינטערעסען,—די אינטערעסען פונ'ם דייטשען בירגער־קלאַס. דער אייגענטליכער געזעלשאַפטליכער יסוד פון דער עקזיס־טירענדיגער אָרדנונג איז אין דייטשלאַנד געווען דאָס קליינבירגער־טום, וואָס איז איבערגעגאַנגען נאָך פונ'ם 16־טען יאָהרהונדערט און איז פון־דעמאָלט אָן אַלעמאָל ווידער אויפגעשוואומען אין פערשיע־דענע געשטאַלטען.

איהם צו דערהאַלטען, הייסט דערהאַלטען די עקזיסטירענדע אָרדנונג אין דייטשלאַנד. מצד דער אינדוסטריעלער און פּאָליטישער הערשאַפט פון דער בורשזואַזיע איז דעם קליינבירגערטום פּאָרגע־שטאַנען די סכנה פון אַ זיכערען אונטערגאנג, פון איין זייט צוליעב דער קאָנצענטראַציע פונ'ם קאַפּיטאַל, פון דער צווייטער זייט צוליעב דער וואַקסענדיגער ענטוויקלונג פון אַ רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט. דער אמת'ער סאָציאַליזם, האָט זיך איהם געדאַכט, הרג'עט דיביידע פליעגען מיט איין קלאַפּ. ער האָט זיך פערשפּרייט ווי אַ מגפה.

געוועבט פון שפּעקולאַטיווען שפּינוועבס, אַרומגעשטריקט מיט שענ־גייסטיגע מליצה־בלומען, בעשפּרענקעלט מיט דער געמיטליכ־קייט פון סענטימענטאַלער, אָנגעבלאָזענער ליבע, האָט דאָס בעפּוצטע

קלייד, אין וועלכע די דייטשע סאָציאַליסטען האָבען איינגעוויקעלט זייער פּאָר ביינערדיגע „אייביגע אמת'ען", נור פערמעהרט דעם אָבזאַץ פון זייער סחורה ביי דעמדאָזיגען (קליינבירגערליכען) פּובליקום.

פון זיין זייט האָט דער דייטשער סאָציאַליזם אַלץ מעהר אָנערקענט זיין בערוף, צו זיין דער הויך־מליצה'דיגער פערטרעטער פון דער קליינבירגערשאַפט.

ער האָט פּראָקלאַמירט די דייטשע נאַציע אַלס די נאָרמאַלע נאַציע און דעם דייטשען קליינבירגער אַלס דעם נאָרמאַל־מענש. ער האָט יעדער נידריגקייט פון דידאָזיגע קליינבירגער צוגעגעבען אַ בעהאַלטענעם, העכערען סאָציאַליסטישען זין, פון וואָס זי האָט בעקומען, גאָר אַנ'אַנדער כאַראַקטער. ער האָט געצויגען די לעצטע קאָנסעקווענץ פון זיין טאַקטיק דערמיט, וואָס ער איז דירעקט אַרויס־געטרעטען געגען דער רוי־דעסטרוקטיווער ריכטונג פונ'ם קאָמוניזם און אָפען פּראָקלאַמירט, אַז ער שטעהט העכער פון אַלע פּאַרטייען און פון יעדען קלאַסען־קאַמף. חוץ זעהר קליינע אויסנאַהמען, געהע־רען כמעט אַלע ווערק, וואָס צירקולירען אין דייטשלאַנד אַלס כלומר'שט סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע, צו דער ספערע פון דערדאָזיגער שמוציגער, דענערווירענדער ליטעראַטור. *)

## 2. דער קאָנסערוואַטיווער אָדער בורזשואַזער סאָציאַליזם.

אַ טייל פון דער בורזשואַזיע האָט געוואָלט מיטהעלפען צו בעזייטיגען די סאָציאַלע פעהלערען, כדי אַזויערנאָך צו ראַטעווען די בירגערליכע געזעלשאַפט. צו דעמדאָזיגען טייל געהערען: עקאָ־נאָמיסטען, פילאַנטראָפען, הומאַניטאַרע זאָרגער פאַר דער לאַגע פונ'ם אַרבייטער־קלאַס, כלל־טוער, צער־בעלי־חיים'ניקעס, גרינדער פון פעראיינען געגען שכרות און די פערשיעדענע אַנדערע ווינקעל־רעפאָרמאַטאָרען. דערדאָזיגער בורזשוא־סאָציאַליזם האָט אַפילו אויסגעאַרבייט גאַנצע סיסטעמען.

---

*) דער רעוואָלוציע־שטורם פונ'ם יאָהר 1848 האָט די גאַנצע אָבגעטראָגענע ריכטונג אָראָבגעשווענקט און אָבגענומען דעם חשק ביי איהרע טוער זיך צו פערנעה־מען ווייטער מיט'ן מאַכען סאָציאַליזם. דער הויפּט־פאָרשטעהער און קלאַסישער טיפּ פון דערדאָזיגער ריכטונג איז ה' קאַרל גרין.

אַלס ביישפּיעל נעהמען מיר פּרודאָנ'ס „די פילאָזאָפיע פון דער אָרימקייט".

די סאָציאַליסטישע בורשזועס האָבען געוואָלט האָבען די לע־בענס־בעדינגונגען פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט אָהן די קאַמפען און געפאַהרען, וואָס זענען מיט די בעדינגונגען נויטווענדיג פערבונ־דען. זיי האָבען געוואָלט האָבען די עקזיסטירענדיגע אָרדנונג, נאָר אָהן די רעוואָלוציאָניזירענדיגע עלעמענטען, וואָס ווילען זי אונטער־ברענגען. זיי האָבען געוואָלט האָבען די בורשזואַזיע אָהן דעם פּראָ־לעטאַריאַט. פאַר דער בורשזואַזיע איז די וועלט, אין וועלכער זי הערשט, נאַטירליך די בעסטע. דער בורשזואַ־סאָציאַליזם האָט פון דערדאָזיגער נחמה'דיגער פאָרשטעלונג אויסגעאַרבייט אַ האַלב אָדער גאַנץ סיסטעם. ווען ער פאָדערט אויף דעם פּראָלעטאַריאַט צו פער־ווירקליכען זיינע סיסטעמען און אריינצוקומען אין דעם נייעם גן־עדן, פערלאַנגט ער אין עצם נור דאָס, אַז די אַרבייטער זאָלען פערבלייבען אין דער איצטיגער געזעלשאַפט, זיי זאָלען זיך אָבער דערביי אָבזאָגען פון זייער פיינדליכער בעציהונג צו איהר.

אַ צווייטע, ווייניגער סיסטעמאַטישע, אָבער מעהר פּראַקטישע פאָרם פונ'ם סאָציאַליזם האָט געזוכט אָבצווענדען דעם אַרבייטער־קלאַס פון יעדער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג דורכדעם, וואָס ער האָט איהם בעוויזען, אַז פאַר איהם איז וויכטיג נור פערענדערן די מאַטעריעלע לעבענס־פערהעלטענישען, די עקאָנאָמישע פערהעלטעני־שען — בעת די אָדער יענע פּאָליטישע ענדערונג איז איהם לגמרי נישט נוצליך. פערענדערן די מאַטעריעלע לעבענס־פערהעלטענישען הייסט אָבער נישט ביי דעמדאָזיגען סאָציאַליזם: אָבצושאַפען די בירגערליכע פּראָדוקציע־פערהעלטענישען, וואָס קאָן דערגרייכט ווערען נור אויפ'ן רעוואָלוציאָנערען דרך, — נאָר בלויז אַדמיניסטראַטיווע פערבעסערונגען אויפ'ן באָדען פון דידאָזיגע פּראָדוקציע־פערהעלטע־נישען, וואָס ענדערן אַלזאָ לחלוטין נישט דאָס פערהעלטעניש צווי־שען קאַפּיטאַל און לוין־אַרבייט, נאָר אין בעסטען פאַל פערקלענערן זיי דער בורשזואַזיע די הוצאות פון איהר הערשאַפט און פערגרינגערן איהר מלוכה־בודשזעט.

זיין געהעריגען אויסדרוק דערגרייכט דער בורשזואַזער סאָצי־

יאַליזם ערשט דאָ, וואו פון איהם בלייבט בלויז אַ רעדנערישע פראַזע.

פרייער האַנדעל! צוליעב די אינטערעסען פונ׳ם אַרבייטער-קלאַס; שוק-אָבצאָהלונגען פון סחורות! צוליעב די אינטערעסען פונ׳ם אַר-בייטער-קלאַס; איינצעל-קאַמערן אין די טורמעס! צוליעב די אינ-טערעסען פונ׳ם אַרבייטער-קלאַס: דאָס איז דאָס לעצטע, דאָס איינציגע ערנסט-געמיינטע וואָרט פונ׳ם בורזשואַזען סאָציאַליזם. דער סאָציאַליזם פון דער בורזשואַזיע בעשטעהט טאַקי אין דער בעהויפ-טונג, אז די בורזשועס זענען בורזשועס—צוליעב די אינטערסען פונ׳ם אַרבייטער-קלאַס.

## 3. דער קריטיש-אוטאָפּיסטישער סאָציאַליזם און קאָמוניזם.

מיר רעדען דאָ נישט וועגען דער ליטעראַטור, וואָס האָט ביי אַלע גרויסע, מאָדערנע רעוואָלוציעס אויסגעדריקט די פאָדערונגען פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט (די ווערק, למשל, פון באַבעף א. אַ. וו.).

די ערשטע פּראָבעס פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט דורכצופיהרען דירעקט זיינע אייגענע קלאַסען-אינטערעסען אין דער צייט פון אַ אַלגעמיינער אויפרעגונג, אין דעם פּעריאָד, ווען די פעאָדאַלע געזעלשאַפט איז איינגעבראָכען געוואָרען, — האָבען געמוזט דורכפאַ-לען מחמת דער נישט-ענטוויקעלטער געשטאַלט פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט גופא, ווי אויך דערפאַר, וואָס איהם האָבען געפעהלט די מאַטעריעלע בעדינגונגען פאַר זיין בעפרייאונג, וועלכע קאָנען געשאַפען ווערען טאַקי ערשט אַלס פּראָדוקט פון דער בירגערליכער עפּאָכע. די רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור, וואָס האָט בעגלייט דידאָזיגע ערשטע פּראָבעס פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט, האָט דעריבער לויט איהר אינהאַלט געמוזט זיין רעאַקציאָנער. זי האָט געפּרעדיגט אַן׳אַלגעמיינעם אַסקע-טיזם און אַ גראָבע פאָרם פון אַלגעמיינער גלייכהייט.

די אייגענטליך סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע סיסטעמען, די סיסטעמען פון סען-סימאָן, פוריע, אוען א. אַ. וו. זענען אַרויס-געשוואומען אין דעם ערשטען נישט-ענטוויקעלטען פּעריאָד פונ׳ם קאַמפּף צווישען פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע, וועלכען מיר האָבען איבען געבראַכט. (זעה: בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט.)

די ערפינדער פון דידאָזיגע סיסטעמען זעהען אַפילו דעם געגענזאַץ צווישען די קלאַסען און אויך די ווירקונג פון די צושטע-רענדיגע עלעמענטען אין דער הערשענדער געזעלשאַפט גופא. זיי זעהען אָבער נישט מצד דעם פּראָלעטאַריאַט קיין היסטאָרישע זעלבסט-טעטיגקייט, קיין ספּעציעל פּאַר איהם כאַראַקטעריסטישע פּאָליטישע בעוועגונג.

אַזוי ווי די ענטוויקלונג פונ׳ם געגענזאַץ צווישען די קלאַסען געהט טריט ביי טריט מיט דער ענטוויקלינג פון דער אינדוסטריע, געפינען זיי טאַקי נישט די מאַטעריעלע בעדינגונגען פאַר דער בעפרייאונג פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט, און זיי מוזען אָנקומען צו אַ סאָצ-יאַלער וויסענשאַפט און צו סאָציאַלע געזעצען, אום צו שאַפען די דאָזיגע בעדינגונגען.

דעם פּלאַץ פון דער געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט מוז פערנעהמען די פון זייי פּערזענליך ערפונדענע טעטיגקייט, דעם פּלאַץ פון די היסטאָרישע בעדינגונגען פון דער בעפרייאונג — פאַנטאַסטישע, דעם פּלאַץ פון אַ סיסטעמאַטישער אָרגאַניזירונג פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט ביז צו דער מדרגה פון אַ קלאַס — די אַליין אויס-געפּטש׳עלטע אָרגאַניזירונג פון דער געזעלשאַפט. די קומענדיגע וועלט-געשיכטע ווערט ביי זיי ערלעדיגט דורך דער פּראָפּאַגאַנדע און דער פּראַקטישער אויספיהרונג פון זייערע געזעלשאַפט-פּלענער.

זיי וויסען טאַקי, אַז אין זייערע פּלענער דאַרפען זיי הויפּטזעכליך פערטיידיגען די אינטערעסען פונ׳ם אַרבייטער - קלאַס, ווייל דערדאָזיגער קלאַס ליידט אַממעהרסטען. פאַר זיי איז דער פּראָלעטאַריאַט נישט מעהר ווי אַ קלאַס, וואָס ליידט מעהר פון אַנדערע.

די נישט-ענטוויקעלטע פאָרם פונ׳ם קלאַסען-קאַמף, ווי אויך זייער אייגענע לעבענס-לאַגע ברענגען זיי אָבער צו גלויבען, אַז זיי שטעהען אַסך העכער פון יענעם קלאַסען-געגענזאַץ. זיי ווילען פערבעסערען די לעבענס-לאַגע פון אַלע געזעלשאַפטס-מיטגליעדער, אַפילו פון די, וואָס זענען אַזוי אויך אין דער בעסטער לאַגע. זיי אַפּעלירען דעריבער כסדר צו דער גאַנצער געזעלשאַפט אָהן אַנ-אונטערשיעד, זאָגאַר איבערהויפּט צו די הערשענדיגע קלאַסען. מען

דאַרף נור אַלזאָ זייער סיסטעם פערשטעהן, כדי אָנצוערקענען עס אַלס דעם בעסט-מעגליכען פּלאַן פון דער בעסט-מעגליכער געזעלשאַפט

זיי וואַרפען דעריבער אָב יעדע פּאָליטישע, אַ פּשיטא שוין יעדע רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט. זיי ווילען זייער ציעל דערגרייכען אויף אַ פריעדליכען דרך און פּרובען מיט קליינע, נאַטירליך נישט געלונגענע עקספּערימענטען, מיט דער מאַכט פון איינצעלנע ביישפּיעלען דורכברעכען אַ וועג פאַר'ן נייעם געזעלשאַפטליכען עהנאַנגעליום.

די פאַנטאַסטישע שילדערונג פון דער צוקונפטיגער געזעלשאַפט וואַקסט-אויס דעמאָלט, ווען דער פּראָלעטאַריאַט איז נאָך נישט-ענטוויקעלט, ד. ה. ווען ער גופא פאַסט נאָך אויף אין אַ פאַנטאַסטישער געשטאַלט זיין אייגענע שטעלונג און זיינע ערשטע אַהנונגען פון דעם דראַנג צו מאַכען אַנ'אַלגעמיינע איבערקעהרעניש אין דער געזעלשאַפט.

די סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע ווערק בעשטעהען אָבער אויך פון קריטיק-עלעמענטען. זיי האָבען דורכגעטרייסעלט אַלע יסודות פון דער עקזיסטירענדיגער אָרדנונג. זיי האָבען דעריבער געגעבען זעהר אַ וויכטיג מאַטעריאַל פאַר דער אויפקלערונג פון די אַרבייטער. זייערע פּאָזיטיווע געדאַנקען וועגען דער צוקונפטיגער געזעלשאַפט, למשל דאָס אָבשאַפען די געגענזאַצען צווישען שטאָדט און דאָרף; דאָס אונטערברעכען די פאַמיליע, די פּריוואַט-פערדינסטען און די לוין-אַרבייט; די שטרעבונג צו אַ געזעלשאַפטליכער האַרמאָניע; דער פּלאַן צו פערוואַנדלען די מלוכה אין אַ בלויזער פערוואַלטונג פון דער פּראָדוקציע—די אַלע געדאַנקען ווילען נור פערניכטען דעם קלאַסען-געגענזאַץ, וועלכער האָט זיך ערשט געהאַט אָנגעהויבען צו ענטוויקלען אין וועלכען זיי האָבען דערקאָנט, ווען ער האָט נאָך נישט געהאַט קיין בעשטימטען געשטאַלט. דידאָזיגע געדאַנקען גופא האָבען דעריבער אויך אַ ריין-אוטאָפּיסטישען זין.

די בעדייטונג פונ'ם קריטיש-אוטאָפּיסטישען סאָציאַליזם און קאָמוניזם שטעהט אין אַ פערקעהרטער בעציהונג צו דער היסטאָ-

רישער ענטוויקלונג. וואָס מעהר עס ענטוויקעלט זיך און פאָרמירט זיך דער קלאַסען־קאַמף, אַלץ וועניגער פּראַקטישען ווערטה און אַלץ וועניגער טעאָרעטישע בערעכטיגונג האָט דאָסדאָזיגע פאַנטאַס־טישע אויפהויבען־זיך איבער דעם קלאַסען־קאַמף, דאָס דאָזיגע פאַנטאַסטישע בעקעמפען איהם. אויב די גרינדער פון דידאָזיגע סיסטעמען זענען אַפילו אין אַ סך הינזיכטען געוועזען רעוואָלוצי־יאָנער, האָבען דאָך דעריבער זייערע תּלמידים אַלעמאָל געשאַפען רעאַקציאָנערע סעקטעס. זיי האַלטען זיך פעסט ביי די געדאַנקען פון זייערע לעהרער און געהען געגען דער היסטאָרישער ווייטער־דיגער ענטוויקלונג פון׳ם פּראָלעטאַריאַט. זיי זוכען קאָנסעקווענט צו פערגלעטען דעם קלאַסען־קאַמף און אויסצוגלייכען די געגענזאַ־צען. זיי חלומ׳ען נאָך אַלץ וועגען פּרובען פערווירקליכען זייערע סאָציאַלע אוטאָפּיעס, וועגען גרינדען איינצעלנע פאַלאַנסטערס און האָם־קאָלאָניעס, וועגען שאַפען אַ קליין איקאַריען*), די דואָדע־געשטאַלט פון׳ם נייעם ערדישען גן־עדן, — און צום אויסבויען דידאָזיגע אַלע לופט־שלעסער מוזען זיי אַפּעלירען צו דער מענשענ־ליבע פון די בירגערליכע הערצער און געלד־זעק. ביסלעכווייס פאַלען זיי אַלץ מעהר אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון די אויבען געשילדערטע רעאַקציאָנערע אָדער קאָנסערוואַטיווע סאָציאַליסטען, פון וועלכע זיי אונטערשיידען זיך בלויז דערמיט, וואָס זיי האָבען אין זיך מעהר סיסטעמאַטישען פּעדאַנטיזם און מעהר פאַנאַטישען אַבערגלויבען אין די וואונדערליכע ווירקונגען פון זייער סאָציאַלער וויסענשאַפט.

זיי טרעטען דעריבער פערביטערט אַרויס געגען יעדער פּאָליטישער בעוועגונג פון די אַרבייטער, וועלכע שטאַמט נאַטירליך נור דערפון וואָס מען גלויבט נישט אין זייער נייעם עוואַנגעליום.

די אָועניסטען אין ענגלאַנד טרעטען־אַרויס געגען די טשאַר־

---

*) האָם־קאָלאָניעס (קאָלאָניעס אין לאַנד) האָט אוען אָנגערופען זיינע קאָמוניס־טישע מוסטער־געזעלשאַפטען. פאַלאַנסטערס האָבען געזאָלט הייסען די געזעלשאַפטליכע פּאַלאַצען, וואָס פוריע האָט געפּלאַנט. איקאַריען הייסט דאָס אוטאָפּישע פאַנטאַזיע־לאַנד, מיט דער שילדערונג פון קאַבע׳ס קאָמוניסטישע איינריכטונגען.

סיסטען; די פוריעריסטען אין פראַנקרייך — געגען די רעפאָר־מיסטען.

---

## IV.

## די שטעלונג פון די קאָמוניסטען צו די פערשיע־דענע אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען.

נאָכ'ן קאַפּיטעל II ווערט שוין פון זיך אַליין קלאָר די שטעלונג פון די קאָמוניסטען צו די פאַרהאַנענע אַרבייטער־פּאַר־טייען, ד. ה. אַלזאָ זייער שטעלונג צו די טשאַרטיסטען אין ענגלאַנד און צו די אַגראַרישע רעפאָרמער אין צפון־אַמעריקאַ.

זיי פיהרען אַ קאַמף פאַר דירעקטע, נאָהענטע צוועקען און אינטערעסען פונ'ם אַרבייטער־קלאַס; אין דער איצטיגער בע־וועגונג האָבען זיי אָבער אויך אין אויג — איהר צוקונפט. אין פראַנ־קרייך האָבען זיך די קאָמוניסטען פעראייניגט מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער*) פּאַרטיי געגען דער קאָנסערוואַטיווער און ראַדי־קאַלער בורזשואַזיע. דערביי האָבען זיי זיך נישט אָבגעזאָגט פון זייער רעכט, זיך צו בעציהען קריטיש צו די פראַזען און אילו־זיעס, וואָס שטאַמען נאָך פון דער רעוואָלוציאָנערע טראַדיציע.

אין שווייצאַריען שטיצען זיי די ראַדיקאַלען, אָבער זיי מאַכען נישט קיין סוד דערפון, אַז די פּאַרטיי בעשטעהט פון סתירה'דיגע עלעמענטען: די טיילווייז דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטען אינ'ם פראַנצויזישען זין און טיילווייז ראַדיקאַלע בורזשועס.

צווישען די פּאָליאַקען שטיצען די קאָמוניסטען יענע פּאַרטיי, וועלכע שטעלט די אַגראַרישע רעוואָלוציע אַלס בעדינגונג פאַר דער נאַציאָנאַלער בעפרייאונג, דאָס איז דיזעלביגע פּאַרטיי,

---

*) די פּאַרטיי אין פראַנקרייך, וואָס האָט זיך דעמאָלס גערופען סאָציאַליסטיש־דעמאָקראַטיש, איז געווען פּאָליטיש פערטרעטען דורך לעדרי־ראָלען און ליטעראַריש דורך לואי בלאַנק; זי איז אַלזאָ געווען הימעל־ווייט פון דער היינטיגער דייטשער סאָצי־יאַל־דעמאָקראַטיע.

וועלכע האָט ארויסגערופען דעם קראָקויער אויפשטאַנד, פונ'ם יאָהר 1846.

אין דייטשלאַנד קעמפט די קאָמוניסטישע פאַרטיי, ווי נור די בורזשואַזיע טרעט-ארויס רעוואָלוציאָנער, צוזאַמען מיט דער בורזשואַזיע געגען דער אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע, דעם פעאָדאַלען ערד-אייגענטום און דער קליינבירגעריי.

זי לאָזט אָבער נישט דורך קיין איין מאָמענט, אום די אַרבייטער ווי ווייט מעגליך בעוואוסטזיניגער צו מאַכען בנוגע דעם פיינדליכען געגענזאַץ צווישען דער בורזשואַזיע און דעם פראָלעטאַריאַט, כדי דער דייטשער אַרבייטער זאָל די געזעלשאַפט-ליכע און פאָליטישע בעדינגונגען, וועלכע די בורזשואַזיע וועט איינפיהרען מיט איהר הערשאַפט, גלייך קאָנען אָנשטעלען אַלס געוועהר געגען דער בורזשואַזיע, כדי עס זאָל גלייך נאָכ'ן פאַלען פון די רעאַקציאָנערע קלאַסען און דייטשלאַנד זיך קאָנען אָנהויבען דער קאַמף געגען דער בורזשואַזיע גופא.

אויף דייטשלאַנד ווענדען די קאָמוניסטען זייער הויפט-אויפמערקזאַמקייט, ווייל דייטשלאַנד שטעהט ערב אַ בירגערליכער רעוואָלוציע, און ווייל דאָ וועט דידאָזיגע איבערקעהרעניש פאָר-קומען בכלל און מיט אַ פיעל מעהר ענטוויקעלטען פראָלעטאַריאַט, איידער ווי אין ענגלאַנד אינ'ם 17-טען און אין פראַנקרייך אינ'ם 18-ען יאָהרהונדערט. די דייטשע בירגערליכע רעוואָלוציע קאָן דעריבער זיין נור אַ פאָרשפּיעל צו אַ פראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

מיט איין וואָרט, די קאָמוניסטען שטיצען אומעטום יעדע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג געגען דער עקזיסטירענדיגער געזעל-שאַפטליכער און פאָליטישער אָרדנונג.

אין דידאָזיגע אַלע בעוועגונגען רוקען זיי אַרויס אַלס גרונד-פראַגע די אייגענטום-פראַגע, וועלכע מעהר אָדער ווענינגער ענטוויקעלטע פאָרם זי זאָל נישט האָבען אָנגענומען.

די קאָמוניסטען אַרבייטען לסוף אומעטום צו שאַפען אַ פערבינדונג און אַ פערשטענדיגונג צווישען די דעמאָקראַטישע פאַרטייען פון אַלע לענדער.

די קאָמוניסטען האַלטען עס פאַר אַ חרפה, צו בעהאַלטען ...ירע מיינונגען און שטרעבונגען. זיי ערקלערען אָפען, אַז די... צוועקען וועלען קאָנען דערגרייכט ווערען נור דורך אַ רעוואָלוציאָנערער איבערקעהרעניש פון דער גאַנצער ביזהעריגער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג. זאָלען די הערשענדיגע קלאַסען ציטערען פאַר אַ קאָמוניסטישער רעוואָלוציע. די פראָלעטאַריער האָבען נישט אין איהר וואָס צו פערלירען, אויסער זייערע קייטען. געווינען קאָנען זיי — אַ וועלט.

**פראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פעראייניגט איך!**

# פערלאג „צוקונפט“ ווארשא

שוין ערשינענען:

1) די יודישע וואנדערונג — פון ד״ר ק. פארנבערג. פרייז 20 פעניג.

2) די יודישע פארמעריי אין אמערקא פון מ. כץ.
פרייז 25 פעניג.

3) צי איז מעגליך א יודישע קאלאניזאציע אין פאלעסטינא
פון י. לעווין. פרייז 1 מארק.

4) קהלה־פראגען (די קהלה, אלס ארגאן פון נאציאנאלער אויטאנאמיע)
פון בן־אדיר (א. ראזין) — 2־טע אויפלאגע. פרייז 65 פעניג.

5) אונזערע נאציאנאלע פאדערונגען — פון יעקב לעשצינסקי.
פרייז 50 פעניג.

6) דער יודישער פראלעטאריער — זאמעלבוך I. פרייז 2 מארק.

7) דער וועג פון יודישען פראלעטאריאט — פון מ. אנ־ן
(ד״ר מ. שאץ). פרייז 80 פעניג.

8) דער יודישער פראלעטאריער — זאמעלבוך II. פרייז 2 מארק.

9) דער קאמוניסטישער מאניפעסט — מיט פארערדעס פון מארקס,
ענגעלס און קאוטסקי. פרייז 2.50 מארק.

---

מיט בעשטעלונגען זיך ווענדען:

אדמיניסטראציע „אונזער וועג“ ווארשא,
לעשנא 27, פאסטפאך 69.